STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03251

BAR-MITSVE REDES OYF ALE SHABOSIM FUN YOR

Jacob Convisser

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בּר־מצוה רעדעס

אויף אלע שבתים פון יאָר

(לויט דעם אינהאלט פון די סדרות)

פון

יעקב קאנוויסער

STAR HEBREW BOOK CO.
198-200 CANAL STREET
NEW YORK CITY

Printed in the United States of America

א מתנה מיינע צוויי אינגעלאך

זרח און משה

COPYRIGHT, 1932
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

פאָרוואָרט

מיט דעם דאָזיקן בוך מיינעם וויל איך משלים זיין ניט בלויז דעם מאנגל אין אזעלכע ביכער וועלכע זיינען ניט איבעריק אין צאָל, נאָר אויך אין דעם עצם תכן און פאָרם פון די שוין עקזיסטירנדיקע.

דער הויפט־אויפטו פון דעם דאָזיקן בוך איז וואָס יעדע דרשה איז באגרינדעט אויף דער סדרה פון דער וואָך; דער געדאנקען אַרום וועלכע די דרשה איז אַרומגעוועבט איז על פי רוב דער סאמע וויכטיקסטער טייל און צענטראלער פונקט פון דער סדרה.

נאַטירלאך, איז מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט אויסגעקליבן געוואָרן אזאַ געדאנק אָדער פסוק וואָס איז טיפער איינגעלעבט אין דער אידישער נשמה און קען זיך אַמשטאַרקסטן איינקריצן אין קינדס זכרון. דאָ און דאָרטן ווערט אויך אין א פאָלקסטימלאכן טאָן דערציילט א שיין לעגענדאריש מעשה'לע אנטנומען פון אונזער ים התלמוד, וואָס איז בכח צוצוגעבן שטימונג צו דער בר־מצוה פייערונג און בכלל אימפּאָנירן דעם בעל־דרשן, אונזער יונגעטשקן בר־מצוה בחור'ל.

איך האָב זיך באנוצט מיט דעם מאָדערנעם אידיש, ווייל עס איז מער אייגנארטיק און צוגעפּאסט צום אמעריקאַנעם לעבן. די אויסלייגונג, כאָטש עס איז אנדערש פון דער אָנגענומענער טראדיציע, איז דוקא פראקטיש און צוגענגלאך פאר'ן אַמעריקאַנער קינד.

פאר דעם לערער און מחנך וועט דאָס בוך זיין לייכט און נוציק. ער וועט געפינען פּאַרטיק צוגעגרייט דעם נויטיקן מאַטעריאל פאר א לענגערע דרשה, וואָס זאָל זיין אידישלאך, רעליגיעז, און אויך וועלטלאך.

תרצ"ב, נוארק, נ. דזש.

אינהאַלט:

	זייט
בראשית	7
נח	10
לך-לך	12
וירא	14
חיי-שרה	17
תולדות	20
ויצא	23
וישלח	26
וישב	28
מקץ	30
ויגש	33
ויחי	36
שמות	38
וארא	40
בא	43
בשלח	46
יתרו	49
משפטים	52
תרומה	55
תצוה	58
כי-תשא	61
ויקהל	64
פקודי	67
ויקרא	70
צו	73
שמיני	75
תזריע	77
מצורע	80
אחרי מות	83
קדושים	86
אמור	88
בהר	91
בחוקותי	94
במדבר	97
נשא	99
בהעלותך	102
שלח	104
קרח	106
חוקת	109
בלק	112
פינחס	115
מטות	117
מסעי	120
דברים (שבת חזון)	122
ואתחנן	126
עקב	128
ראה	131
שופטים	134
כי תצא	136
כי תבוא	139
נצבים	141
וילך	144
סוכות	146
סוכות	149
שמיני עצרת	151
פסח	154
שבועות	157
דרשה פאר אלע שבתים	159

בראשית

ליבע עלטערן און טייערע פריינט:

איך האלט ביי בראשית, ביים אָנהויב פון א נייעם ספר, און ביים איבערמישן א נייעם בלאט אין מיין לעבן.

די ימים נוראים זיינען פאַראיבער; סוכות איז שוין אויך אַוועק; און אידן הויבן איצט אָן אויף ס'ניי צו שאפן און בויען, און איך אויך מיט זיי.

אָבער כל התחלות קשות — יעדער אָנהויב איז שווער. מען איז יונג, ניט באַהאַוונט און ניט געניט אין די לעבנס־וועגן; יעדע זאַך קוקט אויס מאָדנע, פרעמד, כאַאָטיש, און ווי אין א תהו ובהו. איך האָף אָבער מיט דער צייט זיך צוצופאַסן צו די אומשטענדן, און זיך צוגעוואוינען צום נייעם סאָרט לעבן. דאַמאָלט וועט אלץ אָננעמען אן אנדער אויסזען, א נייעם צלם.

— יהי אור, זאל ווערן ליכטיק! — איז געווען דער ערשטער באַפעל וואס גאָט האָט געגעבן דער נאַטור, און אָט דער דאָזיקער יהי אור מוז אויך זיין די ערשטע מצוה צו א זעלבסטשטענדיקן מענטשן. היינט, ווען איך גיי ארויס פון דער מדרגה פון א קליין קינד און טרעט אריין אין דער רייע פון דערוואקסענע, קלינגען אין מיינע אויערן שארפער און מעלאָדישער די געטלאכע ווערטער פון יהי אור, דער באַפעל נאָכצוגיין דאָס ליכט פון דער תורה און פייער פון אונזער אמונה.

ליכט און וויסן — אָט דאָס זיינען גאָט'ס גרעסטע ברכות.

מיר לייענען אין דער היינטיקער סדרה, אז גאָט האָט אדם'ן פארזאָגט ניט צו עסן פון צוויי בוימער: דעם עץ החיים און דעם עץ הדעת. וואָלט אדם פארזוכט פריער פונ'ם עץ החיים, וואָלט ער געקאָנט לעבן אייביק און ניט מורא האָבן פאר גאָט'ס צאָרן. האָט ער אבער געגעסן פונ'ם עץ הדעת, און כאָטש ער איז דער־פאר שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, ותפקחנה עיני שניהם — זיינען אבער זיינע אויגן אויפגעעפנט געוואָרן, איז געוואָרן קלוג און געלערנט, און דערזען דאָס אייביקע ליכט פון דער גאָטהייט.

אָדם האָט מסתמא פריער פארשטאַנען, אז אן אייביק לעבן אָן תורה און אָן וויסן איז גאָרניט ווערט, און ער האָט דאריבער אויסגעקליבן צו עסן פונ'ם עץ הדעת, די פרוכט פון וויסן, איי־דער צו געניסן פונ'ם עץ החיים און לעבן אייביק.

מיינע ליבע עלטערן האָבן פאר מיר אויך אויסגעקליבן דעם בעסערן וועג, דעם וועג פון דער תורה און וויסן, און מיך אין מיין קינדהייט געשפייזט מיט די פרוכט פון עץ הדעת. און כאָטש עס האָט פון זיי געפאָדערט מקריב צו זיין דעם עץ החיים, אָפּ־געבן א טייל פון זייער אייגן לעבן, האָבן זיי דאָך מיט פארגעניגן געבראכט די קרבנות און מיך דערצויגן אלס איד רעליגיעז און געלערנט. זיי האָבן מיך געשיקט אין א בית הספר צו לערנען די הייליקע שפראך און אמונה. זיי האָבן פארבויגן פיל פון זייערע פארגעניגנס אינ'ם לעבן און מיך דערצויגן מיט גוטע מידות. מיין פאָטער האָט געזאָרגט פאר'ן שכר למוד, און מיין מוטער האָט מיך מיט איר צערטלאכקייט באַאיינפלוסט ליב צו האָבן די אידישע למודים און די אידישע תורה.

די מאַמע איז תמיד פאראנטוואָרטלאך פאר דער דערציאונג פון די קינדער. גאָט האָט איר באשאָנקען מיט דער גרויסער מתנה פון ליבע און צערטלאכקייט. אין דער צייט וואס דער טאַטע איז שווער פארהאָרעוועט אין דאגת הפרנסה, גיט די

מאַמע מער אכטונג אויף דער פאַמיליע, אויף דער דערציאונג פון די קינדער. זי זעט זיי מער, פאַרשטייט זיי בעסער, און ווירקט דאריבער אויף זיי אמבעסטן. מיין ליבע מוטער האָט אויך אירע פיינע און איידעלע אייגנשאפטן אויסגענוצט צו גונסטן אירע קינדער. סיי מיין פאָטער און סיי מיין מוטער האָבן מיר געגעבן א פאסיקע אידישע דערציאונג, ווייל דער יהי אור, דאָס אייביקע געטלאכע ליכט, איז טיף אַריינגעדרונגען אין זייערע געדאנקען.

דאריבער ליבע און געטרייע עלטערן, צוליב דעם וואָס איר האָט מיר פארשאפט די פרוכט פונ׳ם עץ הדעת, זאָל אייך דער אייביקער שענקען די פרוכט פונ׳ם עץ החיים, איר און אלע איי־ערע טייערע זאָלן קענען געניסן א לאנג און צופרידן לעבן. אמן.

נח

חשוב׳ע פארזאמלטע:

אַ גרויסע פאראנטוואָרטלאכקייט ווערט איצט אויף מיר אַרויפגעלייגט, אזוי גרוים און שטארק ווי די אויפגאבע וואס נח האָט געהאט אין דער צייט פונ׳ם מבול.

די וועלט איז געווען פארדאָרבן און ווילד, און גאָט האָט געדראָט עס צו פארניכטן. כדי נח זאל זיך ראטעווען, האָט ער געמוזט מאכן א תיבה, א שיף, איר צו פירן דורך די רוישנדיקע כוואַליעס, דורך די שרעקלאכע שטורעמס, דורך די דונערדיקע קולות און פייערדיקע בליצן, ביז ער האָט ענדלאך דערגרייכט דעם טאָג פון רו, גליק און צופרידנהייט.

יעדער מענטש איז דער קאַפּיטאַן פון זיין אייגן שיפל, וואָס פירט אים אויף די רוישנדיקע כוואַליעס פונ׳ם לעבן. צום דרייצנטן יאָר דערגרייכט דער יונגער קאפּיטאַן צו א האַפן. ער עפנט דאָס פענסטערל און קוקט ארוים אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט. אויב ער קאָן ניט די קליינע אותיות׳לאך, אויב ער איז אומוויסנד, מוז ער צומאכן דאָס פענסטער און ווייטער פאָרן, ווייטער בלאָנדזשען. איז ער אבער געגאנגען אין א חדר, געלערנט און געשטודירט, פארשטייט ער דאס אָפענע בוך. ברייננגט אים די טויב א בלאט, קאָן ער עס לייענען, פאַרשטיין, און דאַרף ווייטער ניט פאָרן. ער בלייבט שטיין ביי דעם אָפשטעל שטאָלץ און שטארק. האָט ער זיין ערשטע רייזע דערפאָלגרייך דורכגעמאכט, זיינען די ווייטערע שטרעקעס פיל לייכטער, ווייל ערמו־

טיקט פון די פריערדיקע רייזעס קאָן ער האָפן אויף גרעסערע נצחונות און אויפטואונגען.

דרייצן יאָר האָב איך פארבראכט אינ׳ם הויז פון מיינע עלטערן. דרייצן יאָר האָט מיין ליבער פאָטער מיך באזאָרגט מיט אלעמען. ער האָט געזען דאָס ס׳זאָל מיר קיין זאַך ניט פעלן, סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיק. מיין ליבע מוטער, וואס גאָט האָט מיר דורך זיין גרויסן חסד געשאָנקען, האָט מיט ליבע און צערטלאכקייט מיך געלערנט די זיטן פון דער מענטשהייט. מיינע עלטערן האָבן מיך אויך אין א חדר געשיקט, וואו איך האָב געלערנט אידישע מנהגים און זיטן. איצט, ווען איך בלייב שטיין ביי דעם בר־מצוה האפן, צו מיין דרייצנטן געבורט־טאָג, דערפיל איך זיך א איד אין פולן זין פון וואָרט.

איך בעט דאריבער גאָט ער זאָל שיקן זיינע ברכות צו מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, צו מיינע טייערע ברידער און שוועסטער און אויך אלע פארזאמלטע. זאָל ער שיקן די טויב פון שלום און פרידן אויף דעם פאָלק ישראל, מיר זאָלן ניט דאַרפן זיין אזוי צעזייט און צעשפרייט אין פילע לענדער, אויף פילע שפראכן, אויף פארשידענע קלאסן, נאָר מיר זאָלן טאקע זיין א געאייניקט פאָלק אויף איין לאנד מיט איין שפראך, ארץ ישראל, לעם ישראל, על פי תורת ישראל, אָמן.

לך-לך

מיינע ליבע חשוב'ע צוהערער:

די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן מיט דעם טרויעריקן אויסרוף: לך־לך מארצך — גיי ארוים פון לאנד, דו וואנדערער! אָט דער דאָזיקער אויסרוף קלינגט אונז נאָך היינט אין די אויערן ווי מיט יאָרן צוריק. וואו מיר גיבן זיך נאָר אַ קער, הערן מיר דעם אלט באקאנטן געשריי: „איד, גיי ווייטער, גיי!" און אָנגעהויבן לערנען די סדרה, האָט דער ערשטער גרויסער און הייליקער איד אברהם, און אָט די זעלבע סדרה לערנען מיר נאָך עד היום.

גאָט האָט געהייסן אברהם'ן ארויסגיין פון זיין לאנד, פון זיין געבורט־אָרט, פון זיין פאָטערס הויז, און זאָל אזוי ארומוואנדערן ביז גאָט וועט אים אָנווייזן אוואו ער זאָל זיך באַזעצן. און דאָ שטייט פאר אייך אַן אייניקל פון אברהם העברי, און מיט אַ קלאפּפּענדיק הארץ און ציטערדיקע טריט, איז ער גרייט צו מאכן דעם לך־לך, דעם אריבערגאנג פון קינדהייט צו דער יוגנט.

די ברכה פון ברוך שפּטרני, וואָס מיין ליבער פאָטער האָט היינט געמאכט, קלינגט אין מיינע אויערן ווי דער געטלאכער באַפעל צו אונזער פאָטער אברהם, ווען ער הייסט אים פארלאָזן זיין לאנד, זיין געבורט־אָרט און זיין פאָטערס הויז. אויך איך פארלאָז היינט דריי זאכן: מיינע יונגע חברים, מיינע קינדערשע געוואוינהייטן, און גיי אַרויס פון מיינע עלטערנס רשות, צו וואַנדערן אין א לאנד, אין א וועג וואס מיינע ליבן עלטערן, מיט זייער גרויסער ליבשאפט און צערטלאכקייט, וועלן מיר אָנווייזן.

מיינע טייערע עלטערן זיינען אלעמאָל געווען מיינע וועג־ווייזער און פירער, מיינע לערער און ראטגעבער. ביז איצט איז פאר זיי קיין זאך ניט געווען צו טייער, קיין ארבעט צו שווער, אום מיך אויפצוהאָדעווען געזונט, שטארק און באלערנט. די בעסטע מלמדים און וויכטיקסטע למודים האָבן זיי מיר געגעבן און תמיד אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג אין וועלכן איך זאָל גיין. איך האָף, אז זיי וועלן ווייטער אויך השגחה געבן אויף מיר.

מיינע ליבע עלטערן! איך פיל היינט מער ווי אלעמאָל די גרויסע שוועריקייטן וואס איר האָט געהאט; די פיל עגמת נפש וואָס איך האָב אייך אין די דרייצן יאָר פארשאפט, דערפאר איז מיין הארץ פול מיט חרטה און באַדויער. מיין שפראך איז אבער צו אָרים, איך האָב ניט גענוג ווערטער מיין דאנקבאַרקייט אויסצודריקן. איך וועל דארום אָנווענדן אלע מיינע מעגלאכ־קייטן מיט גוטע מעשים צו פארדינען אייער ליבע און צערט־לאכקייט אין דער צוקונפט.

איך האָף, אז פונקט אזוי גוט ווי גאָט איז געווען מיט אברהם אבינו, וואו ער האָט זיך נאָר געקערט און געווענדט, אזוי וועט איר אויך זיין מיט מיר. און פונקט אזוי ווי אין די ערשטע יאָרן פון מיין לעבן האָט איר געהיט מיינע קינדערשע טריט, אזוי וועט איר אויך איצט היטן מיינע טריט אלס פאָלקאָמענער מענטש און איד.

זאָל דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב אייך דערפאר באַצאָלן מיט גליק, געזונט, רייכטום און א שיינעם נאָמען, אָמן ואמן.

וירא

פריינט און באקאנטע:

ווען איר בלעטערט דורך די גאנצע וועלט־געשיכטע מיט די פילאסאפישע ליטעראטורן, און שטודירט די אלע שאפונגען פון דעם מענטשנס געדאנק, קענט איר ניט געפינען קיין בע־סערן ביישפיל פון מענטשלאכער אויפאָפּפערונג פאר אחדות הבורא, ווי אין דער דערציילונג פון דער עקדה, וואָס ווערט באַ־שריבן אין דער היינטיקער סדרה.

דאָ זעען מיר ווי א פאָטער איז געוועזן צופרידן ניט נאָר זיך אליין מקריב צו זיין — נאָר ער האָט אויך געפירט צו דער שחיטה זיין אייגענעם זון, אים צו שחט'ן מיט זיינע אייגענע הענט — א זון, וועמען ער האָט אזוי הייליק געליבט, דעם איינ־ציקן וואס ער האָט פארמאָגט. נאָך מער אויסערגעוויינטלאך איז דער פאקט, וואס אברהם האָט דעם זון אויסגעבעטן ערשט אויף זיינע עלטערע יאָרן, און דאָך איז ער אים געגאנגען שחט'ן מיט א קלאָרן באַוואוסטזיין בלויז דערפאר, וואס גאָט האָט אזוי פאָרלאנגט.

פונדעסטוועגן האָט ער זיין פרוי שרה'ן קיין עגמת־נפש ניט געוואָלט פארשאפן. איר האָט ער געזאָגט, אַז ער פירט יצחק'ן לערנען אין בית־הספר פון שם ועבר, און אָט דאָס דאָזיקע איז טאָקע געווען וואס אברהם האָט געוואָלט די וועלט לערנען מיט דער עקדה.

עס איז ניטאָ קיין בעסערע לערע פאר א קינד ווי די וואס עלטערן זעלבסט באווייזן דורך זייער טאָג־טעגלאכער באנעמונג

און האנדלונג. ווילן עלטערן אז זייערע קינדער זאָלן אויס־וואקסן רעליגיעז, מוזן זיי זעלבסט זיך אויפפירן ווי די תורה פאַרזאָגט. ווילן זיי אז די קינדער זאָלן זיין גוטהארציק, מוזן זיי באווייזן אביישפּיל דורך זייער אייגענער באנעמונג צו די מיט־מענטשן.

די דאָזיקע מדות האָט אברהם געלערנט יצחק׳ן דורך דער עקדה. ער האָט אים ארויפגעפירט אויפ׳ן בארג „מוריה" — דער בארג פון לערע — און האָט געזאָגט: „איך האָב דיך טאקע ליב, דו ביסט ביי מיר טייערער ווי מיין אייגן לעבן, אבער גאָט פארלאנגט דיך פאר א קרבן און איך מוז זיין ווילן טאָן."

ווי מיר ווייסן פארלאנגט ניט אונזער גאָט קיין מענטשלאכע קרבנות. ער האָט טאקע אברהם׳ן ניט דערלאָזן צו שחט׳ן זיין זון, נאָר האָט אים געהייסן שחט׳ן׳ דעם שעפּס, וואס ער האָט אָן אברהם׳ס וויסן צוגעגרייט. אָבער יצחק האָט פון זיין פאָ־טערם האנדלונג געלערנט א מוסר השכל, וואס די בעסטע פּע־דאגאָגן און געאיבסטע לערער וואָלטן בשום אופן ניט געקענט דערוווייזן. אברהם האָט עס אויסגעפירט ניט דורך ביכער און פּע־דאגאָגישע מעטאָדן, נאָר דורך אָן אקטועלן ביישפּיל. זיין גאנצן לעבן האָט יצחק די לעקציע געדיינקט. ער איז צוליב דעם פאר־בליבן א גוטער מענטש, אָן אמת׳ער איד און דער צווייטער פון די אבות.

היינט טוט מיין ליבער פאָטער אויך דאָס זעלבע. ער האָט מיך ארויפגעפירט אין דער הויך, אויף דער במה פון תורה, און געזאָגט בפני כל עם ועדה: „טייערער זון, כאָטש איך האָב דיך ליב, כאָטש דו ביסט נאָך יונג און קענסט נאָך אויף דיינע איי־גענע פיס ניט שטיין, דאָך מוז איך דיך, אויף גאָטס פארלאנג איצט ארויסלאָזן פון מיין רשות און אלע פאראנטוואָרטלאכ־קייטן אויף דיינע יונגע פלייצעס ארויפלייגן".

לאָמיר אייך זאָגן, פריינט, אז די קינדער וועלכע ווערן דער־צויגן אין גייסט פון דעם „אנכי ה׳ אלהיך“ היטן אויך אָפּ די אנדערע מצוה פון „כבד את אביך ואת אמיך“. צוליב דעם וועל איך זיך אָנשטריינגען צו האלטן ליב און טייער מיינע גוטע און געשעצטע עלטערן פאר דאס גוטע וואס זיי האבן מיט מיר גע־טאָן. זאָל זיי דער אייביקער בענטשן אזוי ווי ער האָט גע־בענטשט די צוויי אבות אברהם און יצחק׳ן, אמן.

חיי-שרה

טייערע פארזאמלטע:

די היינטיקע סדרה ברענגט דייטלאך ארוים צוויי קעגנ־זייטיקע מענטשן: איינער איז דער כיטרער לבן, און דער צווייטער — דער געלאסענער אליעזר.

ווען לבנ׳ען ווערט דערציילט, אז ווי נאָר ער האָט דערזען די שיינע מתנות און גרויסע רייכטימער פון אברהם און זיין דינער אליעזר, האָט ער, דער לבן הארמי, אויף גיך פארגעסן וועגן דער צוקונפט פון זיין שוועסטער, רבקה, פארלאָזן זיין רעליגיע, אַרויסגעוואָרפן אלע זיינע אָפגעטער, זיין גאנצן גלויבן געמאכט צו גאָרניט און געווען גרייט זיין גאנצן איך פאָר געלט צו פארקויפן.

בא ברוך ה׳, ואנכי פניתי הבית — פלוצלונג שרייט אָט דער לבן דער געצנדינער: געבענטשטער זאָל זיין דער אידישער גאָט, קום אריין אין מיין געצעלט, איך בין איצט ריין פון געצנ־דינסט. אָט דער פאלשער לבן האָט אין איין רגע געביטן זיין גאָט, אויסגעטוישט זיין פאָלק, געענדערט זיינע מנהגים, אלץ פאר עשירות, רייכטימער, גלאנץ און כבוד.

פון א גאנץ אנדער כאראקטער איז געווען דער אלטער אליעזר, דער טרייער דינער פון אברהם העברי. גאנץ אנדערש האָט ער זיך געפירט. זיינע פרינציפן און אידעאלן האָט מען פאר קיינע פרעזענטן און געלט ניט געקאָנט אָפקויפן. ווען מען האָט פאר אים א סעודה געמאכט פון באַ׳טעמ׳טע מאכלים און געגעבן א קעניגלאכע אויפנאמע, האָט ער זיך אָפגעזאָגט אפילו

עטוואָס דערפון אָנצורירן איידער ער האָט דערציילט וועגן זיין שליחות, די צוקונפט פון זיין האַר יצחק און די רעליגיעזע פרינ־ציפּן פון אברהם.

לא אכל עד דברתי — איך וועל ניט עסן, האָט אליעזר גע־ענטפערט, ביז וואנען איך וועל ניט פארענדיקן מיינע ווערטער און זען צו געפינען א פרוי פאר מיין האַר יצחק. ניט פון די בנות הכנעני, פון פרעמדע געצנדינער, נאָר מבית אבי ומשפחתי, פון מיין פאָטערס הויז, פון מיין אייגענע פאמיליע, ווי אברהם האָט פארלאנגט.

יעדעס אידיש קינד דערוואַרט אין זיין בר־מצוה טאָג א שיינע „פּאַרטי" מיט געשמאקע מאכלים און טייערע פּרעזענטן און מתנות, אָבער ווען מען מאכט דאס פאר דעם הויפּט־צוועק פון בר־מצוה, פארטונקלט מען מיט דעם די רעליגיעזע געפילן וואָס דער מאָמענט דארף ארויסרופן. עס ווערט אזוי פארבי־ליגט, די הייליקייט אזוי פארשוועכט, דער פּרינציפּ אזוי פאר־בויגן, אז עס זעט זיך בולט פאר די אויגן דער אַמאַליקער לבן הארמי.

פיל נאָבעלער איז נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון אליעזר, און פאר דער סעודה און פרעזענטירונג פון מתנות זאָגן א פּאָר ערנסטע ווערטער וואס דער מאָמענט פאָדערט. און דאריבער, פריינט, וויל איך זאָגן פאר קהל ועדה, דאָס מיין רעליגיע וועל איך פאר עפּעס אנדערש קיינמאָל פארביטן. עס מאכט ניט אויס ווי שווער די אומשטענדן זאָלן ניט זיין ווי גרויס דער לאַסט פון גלות וועט אויף מיר פאלן, וועל איך אלץ שטרעבן אָנצו־האַלטן די אידישע מנהגים און טראַדיציעס.

ניט אין איין פייער און ניט אין איין וואסער זיינען אונ־זערע מארטירער אומגעקומען, און ניט אין איין תפיסה האבן

אונזערע העלדן געשמאכט, פאר האלטן פעסט זייער אמונה און גלויבן. פון אברהם אבינו אין קאלך־אויוון, ביז דניאל אין לייבן־גרוב, אדער די עשרה הרוגי מלכות, איז א גאלדענע קייט פון מענטשלאכער אויפאפפערונג פאר זייערע אידעאלן און פרינציפן. איך וועל אט די קדושים מיט מיינע מעשים ניט פארשעמען.

נאך איין פליכט האב איך אין איצטיקן מאמענט צו דערפילן, און דאס איז אויסצודריקן מיין דאנקבארקייט און איבערגעבנהייט צו מיינע ליבע עלטערן. ניט קיין קליינע קרבנות האבן זיי אויך פאר מיינעטוועגן געבראכט. פילע טעג האבן זיי ניט דערעסן, און פילע נעכט האבן זיי ניט דערשלאפן. פון פאקן און מאזלען האבן זיי מיך געהיילט, פון אלע סכנות האבן זיי מיך געראטעוועט, און איצט איז די צייט זיי דערפאר אפצודאנקען. אבער צו ארעם זיינען מיינע ווערטער און צו קליין מיינע טאטן כדי זיי פאסיק צו באלוינען. דארום בעט איך דעם בורא עולם אז ער זאל זיי באצאלן כפל־כפלים. ער זאל זיי געבן גליק, געזונט און א צופרידענעם לעבן, אמן.

תולדות

חשוב'ע צוהערער:

אין דער זעלבער צייט וואס מען לייענט אין דער סדרה אלה תולדות יצחק, די געשיכטע פון אונזער פאטער יצחק און זיין גאטספארכטיקן זון יעקב, טרעט איך ארויף אויף דער פלאט־פארם צו דערציילן מיין אייגענע געשיכטע, נעמלאך: איך בין היינט דא צו פייערן מיין בר־מצוה יום טוב.

אבער וואס פאר א פארגלייך איז פאראן צווישן מיר און אונזערע הייליקע אבות אברהם, יצחק און יעקב? זיי האבן פילע אפפערונגען פאר דער אמונה געבראכט; זיי האבן פיל גוטס געטאן פאר'ן פאלק, אבער וואס אזוינס האב איך ביז איצט גע־טאן, אז עס זאל מיר געבן א רעכט צו קומען רעדן היינט צו אייך? מיט א געבויגענעם קאפ מוז איך צוגעבן, אז איך האב ביז איצט נאך גארניט געשאפן וואס זאל זיין פון עפעס א ווערט. דאס בוך פון מיינע גאלדענע טאטן איז נאך אינגאנצן ליידיק.

אבער א נייע וועלט עפנט זיך איצט פאר מיינע אויגן. איך ווער באערט מיט נייע אויפגאבן און פאראנטווארטלאכקייטן. אנגעטאן אין דעם הייליקן טלית און תפילין דארף איך זיך איצט פארבינדן מיט'ן כלל ישראל אין זייערע פילע מלחמות אנטקעגן פארפאלגונגען און רדיפות. דאריבער קאן איך איצט האפן אז דורך דער געלעגנהייט וואס דער בר־מצוה טאג ברענגט מיר, וועל איך קענען אנפילן די ליידיקע בלעטער פון מיין ביאגראפיע מיט באשרייבונגען פון גוטע ארבעט און נא־בעלע טאטן.

מיר האָבן ניט לאנג געלייענט, אז ווען אונזער פאָטער יעקב האָט געוואָלט אָפּקויפן די בכורה פון זיין ברודער עשו, האָט עשו אים אויסגעלאכט און געזאָגט: „אנכי הולך למות, ולמה לי בכורה?" וואס פאר א נוצן וועט די בכורה מיר ברייננגען, ווען איך וועל סיי ווי סיי דארפן שטארבן. קיין לעבן וועל איך פון דעם ניט מאכן. און ער האָט די בכורה פארקויפט פאר א טאָפּ לינדזן.

אַזוי אויך, ליבע פריינט, הערן מיר ביי דער איצטיקער צייט אַן ענלאכע פראגע: מיין זון וועט סיי ווי סיי קיין רב ניט זיין, צו וואָס טויג אים העברעאיש? ער וועט פון דעם קיין לעבן ניט מאכן! און מיר פארקויפן די בכורה פון אידישע לערע און וויסן פאר אַבי וואָס.

אָבער מיינע ליבע עלטערן האָבן גאנץ אנדערע מיינונגען און באגריפן. זיי ווייסן אויך אז קיין קאַפּיטאל וועל איך פון מיין למוד ניט קלייבן, אבער אין גייסטיקן זין, ווייסן זיי, וועל איך דערפון א סך געניסן. זיי באגרייפן דעם פאקט אז אזוי לאנג ווי דער איד בלייבט אומוויסנדיק וועגן זיין אייגענער געשיכטע און שפראך, וועט ער מוזן אלע זלזולים פון זיינע שונאים, די ארור־מיקע פעלקער, אויסהערן און אויף זיי ניט וויסן וואס צו ענט־פערן.

זיי האָבן מיך געשיקט לערנען, ווייל זייערע עלטערן האָבן זיי געשיקט לערנען, און אַט אזוי ציט זיך א לאנגע קייט פון דורות. איך בין זיכער, אז זיי האבן מיך ניט געשיקט אין חדר כדי פטור צו ווערן פון דעם טומל אין שטוב, ווי די היינטיקע סדרה דריקט זיך אוים: „ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותלך לדרוש את ה'" — ווען די קינדער הויבן זיך אָן ארומשטויסן און ארומ־קריגן איינער מיט'ן אנדערן, דעמאָלט זוכט מען א בית אלהים, אַ חדר, כדי פטור צו ווערן פון דעם טומל אין הויז. זיי האָבן

מיין למוד אָנגעהויבן אין מיין פריסטער יוגנט, ווען מיינע גע־דאנקען און באַאָבאַכטונגען זיינען נאָך געווען פריש און יונג. איך האָב דאריבער געהאט די מעגלאכקייטן ביז מיין בר־מצוה אַ סך וויסן צו דערווערבן.

איך נעם זיך דערפאר די געלעגנהייט, ליבע עלטערן, אייך אָפּ־צודאנקען פון טיפסטן הארצן פאר דער גרינטלאכער דערציאונג וואָס איר האָט מיר געגעבן; פאר די פילע טובות וואס איר האָט דורך די לעצטע דרייצן יאָר מיר געטאָן; פאר אייער ליבשאפט, צערטלאכקייט און איבערגעבנהייט. זאָל דער גאָט פון ישראל זיך דערבארעמען על עמו ישראל און אונז אלעמען מזכה זיין מיט זיינע פילע ברכות, אָמן סלה.

ויצא

מיינע חשוב'ע צוהערער:

גאנצע פעלקער, אזוי ווי איינצעלנע מענטשן, דארפן אלע דורכמאכן א קאמף פאר זייער עקזיסטענץ.

אונזער פאָלק האָט העלדיש אריבערגעטראָגן אלע צרות און פורעניות און איז דאריבער בארעכטיקט צו א לאנגן לעבן. א פאָלק אבער וואס קאָן ניט ביישטיין דעם דרוק פון די אומ־שטענדן, קאָן לאנג אויף דער וועלט ניט פארבלייבן.

דאָס גלייכן איז מיט איינצעלנע מענטשן.

דער וואָס בויגט זיך פאר יעדער מיינונג; דער וואָס האָט ניט קיין באשטימטן אידעאל, דער בלייבט שוואַך און קאָן קיין הויכע שטופע ניט דערגרייכן. דאַגעגן דער וואס קאָן אלע שטרויכלונגען באזייטיקן, דער מאַכט דערפאָלג און ווערט אנער־קענט ביי דער וועלט.

זעט, פריינט, וויפיל שוועריקייטן אונזער פאָטער יעקב האָט באַדאַרפט דורכמאכן ביז ער האָט דערוואָרבן דעם גרויסן נאָ־מען אלס דריטער פון אונזערע אבות. א סך שטרויכלונגען און שטערונגען זיינען געלעגן אין זיין וועג. איבערהויפט ווערט אין דער הייגטיקער סדרה דערציילט וועגן די פילע שטיינער וועלכע ער האָט געדארפט אויסמיידן אין זיין לעבנס־וועג.

ויצא יעקב — ווי נאָר ער איז ארויס פון זיינע עלטערנס רשות, געגאנגען טרעטן זיין אייגענעם וועג, האָט ער אָנגע־טראָפן אין די אבני המקום, די שטיינער, וועלכע ער האָט גע־באַך געדארפט לייגן צוקאָפּנס פאר א געלעגער. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, שטייט געשריבן: ויקח את האבן וישם אותה

מצבה — האָט ער גענומען א שטיין און עם אוועקגעשטעלט אַלס אַן אנדענק.

ער האָט פאַרגעזעצט זיין סכנה׳דיקע אונטערנעמונג צו וואַנדערן דורך ווילדע פעלדער און וועלדער, כדי צו דערגרייכן די שוץ פון לבן׳ס היים. ער האָט קוים דערגרייכט א ברונים, וואו ער האָט געקאָנט זיך אָפּרוען, א טרונק טאָן, והנה אבן גדולה על פי הבאר, געפינט זיך א גרויסער שטיין ביים עפענונג פון ברונים, וואס דערלאָזט אים ניט שטילן זיין דורשט.

ער איז ווייטער געגאנגען, שוין מיט מזל חתונה געהאט, געוואָלט אהיימגיין בשלום, פאסירט נייע צרות מיט „תרפים", שטיינערנע געצן, וועלכע האָבן אים געשטערט זיין רייזע און צום סוף האָט ער זיינע פארהאנדלונגען מיט לבנ׳ען פארענדיקט מיט דעם וואס ער האָט געזאָגט: לקטו אבנים — קלייבט שטיינער אלס א סימן, אז מיר וועלן פון איצט אָן און ווייטער האָבן שלום.

אזוי פריינט, קומט אוים אין א מענטשנס לעבן צו ראמען די שטיינער, וועלכע ליגן אונטער די פיס און שטערן דעם פאָרטשריט. איבערהויפט איז די אויפגאבע זייער א שווערע פאר א בר־מצוה באָי, פאר דעם יונגען אומדערפארענעם קינד, ווי עס קומט צו זיין „ויצא", ווען ער דאַרף ארויסגיין פון עלטערנס רשות, הויבן זיך אָן צו ווייזן אלע שוועריקייטן.

איך זע פאר זיך א לאנגן וועג, א לייטער מיט טרעפּ. אָנגעלאָדן מיט די תרי"ג מצות, די הייליקע תפילין, וועל איך זיך אָנשטריינגען צו שטייגן העכער און העכער, פון איין מדרגה צו דער צווייטער, פון איין טרעפּ צום צווייטן, ווייל איך ווייס, אז „מעלין בקודש ואין מורידין", מען דאַרף אלץ בעסער ווערן, ניט ערגער. ווידער ווייס איך, אז „ראש הסלם מגיע השמימה", דער העכסטער פונקט פון אלע מדרגות איז געטלאכקייט. אויב

מען וויל מאכן דערפאָלג, מוז מען זיין אָרנטלאך, גלויבן אין גאָט, און נאָכפאָלגן די תורה מיט איר גוטער לערע און זיטן.

ביז איצט כחולם הייתי. איך האב געטרוימט, געפאנטאַזירט. איך האב געזען ווי מיינע ליבע עלטערן שוועבן ארום מיר ווי געטלאכע מלאכים, ווי זיי שאפן פאר מיר „לחם לאכל" און „בגד ללבש", איך זעלבסט האָב אבער קיין פאַראנטוואָרט־לאכקייט ניט געהאט. זיי האבן פאר מיר אלץ ערליידיקט. אַ מידער, א פארמאטערטער פון שפילן, פלעג איך אריינלויפן אין אָוונט, זיך א וואָרף טאָן אויפ'ן געלעגער, ווי עס שטייט געשריבן: ויפגע במקום וילן שם, נישט וויסנדיק וואס איז מיר צוקאָפּנס, שטיינער צי ביינער. אויפגעשטאַנען בין איך אָבער אלע מאָל אין א ווארימע, ריינע בעט און געפונען צוגעגרייט עסן, טרינקען און לוקסוס.

איצט, ווען מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט „ברוך שפטרני", דאָס ער ווערט פון מיר פטור, בין איך אויפגעשטאַנען פון ליטאַרגישן שלאָף אין א בית־אלהים, דאָ אין שול, צו מיין דרייצנטן געבורט־טאָג. אכן יש ה' במקום הזה, גאָט איז דאָ אין דעם אָרט. ער האָט מיר געגעבן ליבע און געטרייע עלטערן, וועלכע האָבן מיך ביז איצט געשטיצט און אכטונג געגעבן אויף מיין דערציאונג, און האָף דאָס ער וועט מיך ווייטער פארזאָרגן. איך ווייס אז הבא לטהר מסייעין אותו — אז דער וואָס טוט מצות, שיקט גאָט מלאכים אים צו שיצן. היינט, אז איך ווער בר־מצוה און טו אָן די תפילין, וועט גאָט אויף מיר השגחה געבן און וועט מיר ווייזן דעם ריכטיקן וועג. זאָל דער אייביקער מיר באהילפיק זיין אין מיינע נייע אויפגאבן און זאל ער בענטשן מיינע ליבע עלטערן פאר די אלע שטרויכלונגען וואס זיי האָבן פאר מיר ביז איצט אָפּגעראמט, אמן.

וישלח

ליבע פריינט און באַקאַנטע:

אין היינטיקער סדרה לערנען מיר, אז ווען יעקב אבינו האָט אויפגעגעבן זיין מלאכה אלס פאסטוך אָנצוהויבן א נייעם סאָרט לעבן, און ווייזן דער וועלט וואס ער קאָן אויפטאָן אלס מענטש און אלס זון פון יצחק און אברהם העברי, האָט ער גע־זאָגט א קליינע אבער באדייטענדיקע תפילה צו גאָט: קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך — איך בין צו קליין פאר די אלע טובות וואס דו האָסט מיט מיר געטאָן.

צוערשט זעט ער זיך אליין אין זיין יוגנט אלס עלנדע, אָרימע באַשעפעניש, וואס בלאָנדזשעט אין די ווילדערנים, שלאָפט אויף אַ שטיינערנעם געלעגער, און קומט מיט ליידיקע הענט צו לבנ׳ען, ווי ער דריקט זיך אוים: „כי במקלי עברתי את הירדן". דערנאָך פאָרנדיק אהיים, זעט ער זיך שוין אלס דערפאָלגרייכער, אָנגעזעענער מענטש מיט גרויסע מחנות שאָף, באדינער, רייכ־טימער, מיט א גרויסע פאמיליע. און זיין איינציקע תפלה צו גאָט איז „הצילני נא", כ׳בעט דיך, אָ גאָט, העלף מיר אויך אצינד.

איך פרעג אייך פריינט, איז דען ניט דער דאָזיקער אינ־צידענט פאסנד פאר א בר־מצוה באָי? צי דען דריקן די קורצע שטריכן פון יעקב׳ם געשיכטע אויך ניט אוים די ביאָגראפיע פון יעדן דרייצן־יאָריקן קינד?

אַזוי ווי ביי יעקב אבינו, לויפן אויך איצט דורך אין מיינע געדאנקען די פאסירונגען פון די דרייצן יאָר פון מיין לעבן. אומבאַדייטנד קליין בין איך געווען, איך האָב נאָך גאָר ניט גע־

טאָן, וויניק געשאפן, אבער זעט, מיינע ליבע פריינט, וואס פאר אַ גרויסע חסדים דער ליבער גאָט האָט מיט מיר געטאָן. ער האָט מיר געגעבן אזעלכע טייערע אויפפאסנדע עלטערן, וועלכע האָבן אָנגעווענדט יעדע מינוט פון זייער לעבן פאר מיין באַקוועמלאַכקייט, געזונטהייט און בילדונג. אין דער גאנצער צייט פון מיין לעבן איז ניט געווען קיין איין טאָג אָדער שעה, אין וועלכער זיי זאָלן האָבן פארנאַכלעסיקט מיין דערנערונג און דערציאונג, אָדער אפילו ארויסלאָזן פון זייער געדאנק. זיי האָבן מיך תמיד געהיט, תמיד שיין געקליידט, תמיד געשפייזט מיט נארהאפטע מאכלים, תמיד געלערנט דאָס נויטיקע, און זעט ווי איך שטיי איצט פאר אייך אָנגעטון אין נייע בגדים, אויסגעפוצט מיט טייערע פרעזענטן, און צו די אויפמערקזאמקייט פון אן עדה מענטשן.

מיט אמאָל בין איך עס געוואָרן דער יעניקער וועמען איר אַלע שענקט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. פון אן אומבאַדייטענדיקן ווען בין איך געוואָרן א וויכטיקער מענטש, א בר־מצוה, אן אייניקל פון אברהם, יצחק און יעקב. דאריבער וויל איך איצט ווי יעקב אבינו, זאָגן א שטילע תפלה צו גאָט: קטנתי מכל החסידים ומכל האמת אשר עשית את עבדך — איך בעט דיך, שעפער פון דער וועלט, הצילני נא, העלף מיר און מיינע געטרייע עלטערן און פריינט אויך אויף ווייטער. העלף כלל ישראל אין זייערע גרויסע וועלט־פּראָבלעמען; טו מיט אונז אלעמען אָט די חסדים וואס דו האסט געטאָן מיט אונזערע עלטערן, אָמן.

וישב

ליבע עלטערן, פריינט און פאַרזאַמלטע:

מיר לייענען היינט: וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען — און יעקב האָט געוואוינט אין דעם וואוינונגס־לאַנד פון זיין פאָטער, אין דעם לאַנד כנען.

א שווער שטיקל צייט האָט יעקב דורכגעמאכט ביז ער איז געקומען צו דעם וישב. די שרעקלאכע איבערלעבונגען פון זיין קינדהייט, די שטענדיקע פאַרפאָלגונגען פון זיין ברודער עשו, זיין ריזיקע פליטה נאָך חרן, די אָנגעשטריינגטע אַרבעט ביי לבנ׳ען, וואס האָט אים תמיד געזוכט שלעכט צו טאָן, אָט די אלע איבערלעבונגען האָבן אים געקאָסט געזונט און לעבן. ווען ער האָט אבער נאָך די אלע שוועריקייטן דאָך געהאט דערפאָלג און געוואָלט אויסלעבן זיין ביסל יאָרן אין זיין אייגענער היים, אין רו און צופרידנהייט, דאמאָלט „קפץ עליו רגזי של יוסף", האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות פון אייגענע קינדער.

ווען די עלטערנס אויפגאבע ווערט פאַרענדיקט; ווען זייער צוקונפט ווערט שוין באַפעסטיקט, דערשיינט דאמאָלט די פראגע פון גדול בנים, א סדרה פון אויפברייננגען און דערציען קינדער, וועלכע רויבן פון זיי אוועק די נויטיקע רו צו וואָס זיי זיינען לכל הדעות בארעכטיקט.

אָבער ניט אלעמאָל פאַרשאפט עס זיי שמערצן. פיל מאָל פאַרשאפט עס אויך פאַרגעניגן. א חתונה, א בר־מצוה, איז איי־נע פון די פאַרגעניגענס. ביי אזא שמחה פאַרזאמלען זיך פאָטער,

מוטער און אלע פריינט צו געניסן נחת און פרייד און צו הערן עטלאכע דאנקבארע ווערטער פון דעם נייעם מיטגליד.

היינט, צו מיין בר־מצוה, גיי איך ווי יוסף ארוים זוכן מיינע ברידער. ווי ער אמאָל, זאָג איך איצט צו אייך: את אחי אני מבקש — איך זוך מיינע ברידער, איך גיי אויסגעפינען זייער וואוילזיין, אַרבייטן פאר זייער נוצן, און איך וועל זען אויסמיידן „דבתם רעה", העצערייען און מחלוקות. גוטעס קען געשאפן ווערן נאָר אין הארמאָני, פריינטשאפט און אין ברידער־ליכקייט.

דער פעלער היינט צו טאָג איז, וואס איינעמס דערפאָלג איז דעם צווייטענס דערנידערונג. איינעמס געווינס איז דעם צווייטנס דורכפאל. אמת'ער גליק דארף קומען אָן שאָדן צום צווייטן. זעט וויפיל יעקב אבינו האָט געדאַרפט ליידן צוליב די נצחונות פון זיין בן־זקנים יוסף. אזעלכע געווינסן קאָסטן צו טייער.

מיינע ליבע און געטרייע עלטערן האָבן גענוג פאר מיר געטאָן. גענוג פאר מיר געשאפן, און איצט איז די צייט פאר זייער באלוינונג. איך וויל דארום זען דאס אייער אייביקע האָפענונג וועגן מיין דערפאָלג זאָל מקוים ווערן. איך וועל זיך אָנשטריינגען צו דערפילן אלע אייערע פארלאנגען. און איך האָף און בעט גאָט, דאָס אזוי ווי ביים שר המשקים, זאָל אייער כוס פון האָפענונג אָנגעפילט ווערן מיט וויין פון צופרידנקייט, אלע מיינע זינד און פעלערן זאָלן פארגעסן ווערן, און דאס ליכט פון מיין נייעם אמט אלס א בר־מצוה זאָל תמיד שיינען פאר אייך, און מיר אלע זאָלן נאָר האָבן שמחות. אמן ואמן.

מקץ

רבותי:

אַט האָבן מיר געלייענט: ויהי מקץ שנתים ימים — עס האָט געדויערט צוויי יאָר ביז ס׳איז געקומען א סוף צו יוסף׳ס צרות אלס אומשולדיקער געפאנגענער אין תפיסה. אן ענדע־רונג האָט געמוזט קומען — די אומשולד מוז תמיד אויפ׳ן וואַ־סער אַרויפשווימען, און ליידן מוזן מיט פרייד באַלוינט ווערן. און אַט איז געקומען די געלעגנהייט. דער גרויסער מלך פרעה האָט גע׳חלומ׳ט, אז דער הייליקער נילום האָט פון זיינע כוואַ־ליעס זיבן שוואַכע קי ארויסגעוואָרפן, וועלכע האָבן זיבן אנ־דערע שטארקערע פארשלונגען.

עפעס א וויכטיקער חלום! עפעס א הימלישע אָנווייזונג!

דאָס לאנד קאָכט, אין פּאַלאַץ טומלט זיך. אלע חרטומים און מכשפים זוכן א באשיידונג, אָבער קיינער קען דעם מלך׳ס נייי־געריגקייט ניט שטילן, ביז דער שר־המשקים באשליסט צו האלטן זיין הבטחה צום אומשולדיקן יוסף, וואס שמאכט אין תפיסה און ווארט אויף דער גאולה.

דער שר־המשקים הויבט אָן אין א שפּאָטישן טאָן: ושם אתנו נער, עבד, עברי — מיט אונז האָט זיך דאָרט געפונען, ווי רש״י טייטשט אוים, נער — שוטה ואינו ראוי לגדולה. עברי — אפילו לשוננו אינו מכיר. עבד — שאין עבד מולך ולובש בגדי שרים, וואָס מיינט, א נארישער אידישער אינגל, וואס פארשטייט ניט אונזער שפראך, וואס גייט אָפּגעריסן ווי א שקלאַף. לסוף האָט זיך אויסגעלאָזט אז גראדע דער זעלבער כלומר׳שט אומוויסנ־דיקער, אויסערלאך נארישער אינגל האָט באוויזן אזעלכע פיי־

איקייטן, וואס די גרויסע געלערנטע שרים פון עגיפּטן האָבן זיך מיט אים ניט געקאָנט פאַרגלייכן.

אזוי אויך, פריינט, ווען עס קומט א שבת פון א בר־מצוה, טרעט אויף פאר אייך א נער, עבד, עברי — א קליין, אומוויכטיק אידיש אינגל, וואס איז פותר חלום וועגן זיין אייגענער צוקונפט און דעם עתיד פון עם ישראל. און ווען איר פרעגט די אלטע פארווייטאָגטע פראגע, ווער וועט פארטרעטן דעם אלטן דור אין שול ביים עמוד, ביי דער תורה, אין דער אידישער סביבה, הנמצא כזה איש? ווילן מיר אָנווייזן מיט גרויס דרך ארץ אויף קינדער וועלכע קומען פון די מאָדערנע חדרים, אין וועלכע זיי האָבן דערהאַלטן א לענגערע, גרינטלאך אידישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דערציאונג.

די אלטע געלערנטע, די חכמים און זקנים פון דעם אלטן חדר, וועלן אפשר מיט מיר ניט איינשטימען, ווייל גאנץ אָפט זיינען זיי שלעכטע פותר חלום וועגן דער צוקונפט פון דער אמעריקאנער יוגנט. איר וועט מיר אבער דערלויבן היינט צו באַטאָנען, אז אויב מיר ווילן מאכן א קץ לגלותינו, א סוף צו אונזערע ליידן און צרות, צו דער הפקרות אויף דער אידישער גאַס, מוזן מיר אָנהויבן אונזערע האָפענונגען און חלומות בעסער אויסצוטייטשן. מיר ווייסן, אז הכל הולך אחר הפתרון — אלץ קומט פאָר אזוי ווי מען טייטשט אויס.

אָט די דאָזיקע אגדה איז א ביישפּיל:

עס האָט אמאָל פאסירט מיט א פרוי וואס איז געקומען צו ר׳ אליעזר און געזאָגט צו אים: „איך האב גע׳חלומ׳ט, אז א באלקן אין מיין הויז האָט זיך צעבראָכן“. האָט ער איר געזאָגט, אז זי וועט געבוירן א זון. און אזוי האָט טאקע פאסירט. אן אנדערש מאָל איז זי געקומען און געפונען די תלמידים האָט זי זיי דערציילט, אז זי האָט געזען אין חלום ווי א באלקן האָט זיך

אין איר הויז צעבראָכן. האָבן איר די תלמידים געענטפערט, אַז איר מאַן וועט שטאַרבן. ווען ר׳ אליעזר האָט דערהערט וואָס אַזוינס זיינע תלמידים האָבן איר געזאָגט, האָט ער אויסגערופן: „איר האָט דער׳הרג׳עט א מענטשן."

דאָס זעלבע זעען מיר פון יוסף׳ס חלומות. ווען ער האָט די ברידער דערציילט זיין ערשטן חלום, האָבן זיי אויסגערופן: „המלוך תמלוך עלינו? המשול תמשול בנו? צי דען וועסטו רע־גירן איבער אונז? צי דען וועסטו הערשן איבער אונז? און דאָס איז טאַקע מקוים געוואָרן. דעם צווייטן חלום האָט דער פאָ־טער פותר געווען: הבוא נבוא, אני ואמך ואחיך להשתחות לך ארצה? — וועלן מיר דען קומען, איך, און דיין מוטער, און דיינע ברידער זיך בוקן צו דיר צו דער ערד? און כמעט אזוי האָט עס טאַקע פאַסירט.

דעריבער, פריינט, לאָמיר גוט פותר חלום זיין, לאָמיר זאָגן, אַז דאָס אמעריקאנער לערנען איז צוגעפּאַסט צו דער סביבה; די היגע קינדער זיינען פייאיק, נאָר מען דאַרף זיי העלפן, דער־מוטיקן און שטיצן מיט אלע קרעפטן.

וואָס אמבאלאנגט מיר אליין, בין איך איצט געוואָרן דרייצן יאָר, און דאָס ברענגט מיך צו א העכערע מדרגה. וואָס איך זאָל ניט האָבן געטאָן ביז איצט, דאַרף פאַרגעסן ווערן, ווייל די ענדערונג גיט מיר א גרעסערן און ברייטערן בליק אויף דעם לעבן, און איך קאָן דעריבער מיינע געווינסן בעסער אָפּשאַצן. לאָמיר דעריבער האָפן פאַר א בעסערע צוקונפט, א מוטיקן דור און א גליקליכערע צייט, פאַר מיינע ליבע, איבערגעבענע עלטערן, פאַר אונזער גאַנצע פאַמיליע און כלל ישראל. אָמן.

ו י ג ש

טייערע פריינט:

די היינטיקע סדרה איז פול מיט איבערלעבונגען, און באַווייזט די ריכטיקייט פון דעם אויסדרוק „ליכא מלתא דלא רמיזא באוריתא“ — עס איז ניטאָ קיין זאך וואס די תורה האָט וועגן דעם ניט אָנגעוואונקען.

אין דעם ווייטן מזרח האָט א פאָטער מיט זיינע קינדער זיך רואיק געלעבט, ביז עס איז אונטערגעוואקסן איינער פון די קינדער, א יונגער שיינער בחור׳ל, א פאנטאַזיאָר, און גע׳חלומ׳ט פון זונען און שטערן. און איינמאָל, אין א לויטערן פרימאָרגן, איז אָט דער בעל-חלומות אוועק און מער צוריק אהיים ניט געקומען.

באקלאָגט אים דער פאָטער; באדויערן אים די ברידער, און יאָרן גייען, יאָרן לויפן. אין דעם לאנד פון מזרח זיינען הונגעריאָרן אָנגעקומען. יאָרן שווערע פון נויט און עלנד. זיינען אויפגעשטאנען די עלטערע ברידער, גענומען דעם וואנדער-שטאָק אין האנט, און אוועק זוכן א ניי לאנד ברויט צו פארדינען. גרוים איז געווען דער הונגער אין דעם לאנד פון מזרח, און שווער, זייער שווער איז געווען דאָס לעבן. עלנדע אָן א שפראך, אָן א לשון, וואנדערן זיי אין דעם פרעמדן לאנד. לאכן פון זיי די זאטע; די קליינע ווארפן אויף זיי שטיינער און זיי זוכן פרנסה.

אָבער דער ברודער האָט זיי דערקענט. דער גרויסער בעל-חלומות, יענער פארלאָרענער ברודער, האָט זיי דערקענט, און זיי

אים ניט. ווייל גרויס איז איצט דער ברודער. עס איז אים ניט גרינג אָנגעקומען: א קנעכט געווען, פרעמדע געדינט, בלבולים אויסגעשטאַנען, ווי א פארברעכער אין תפיסה געזעסן, און דורך גאָטס נסים עולה לגדולה געוואָרן. איצט איז ער שוין רייך, די ערשטע האנט ביים מלך. פאַרגעסן האָט ער שוין די אלע צרות, פארגעסן האָט ער אויך אינ׳ם פאָטערס הויז.

ביי די טויערן פון גושן, אין לאנגען גלות־וועג, טרעפט זיך יוסף מיט די אָרימע ברידער פון מזרח. אן אלטע געשיכטע, וואס בלייבט אָבער תמיד ניי.

איך ווער היינט מיט מזל בר־מצוה, און ווי יוסף אמאָל רוף איך אויס צו אייך: אני יוסף אחיכם — איך בין אייער ברודער יוסף. קוקט ניט וואס איך רייד צו אייך האַרטע רייד און קוק אויס אמעריקאניש. לאכט ניט פון אונז, אמעריקאנער בר־מצוה בחורים. ועתה אל תעצבו — זאָרגט זיך ניט, דיינקט ניט, אז טרף, טרף יוסף, אז די אמעריקאנער חיה רעה האָט פארצוקט אונזערע יוסף׳ס. גשו נאָ אלי — קומט נאָר נענטער צו די אמע־ריקאנער קינדער, ווערט מיט זיי מער באקאנט, וועט איר ערשט געוואָר ווערן, אז למחיה שלחני אלהים לפניכם — מיר וועלן אויפהאלטן דאָס אידישקייט אין אמעריקא. דערנענטערט זיך צו אונז, וועט איר זען דאָס ניט בלויז איז דער פי המדבר אליכם — ניט בלויז איז דער „ספיטש“ א אידישער, נאָר עס קומט אויך פון אן אמת אידיש הארץ. די פאָר ווערטער צו אייך זיינען ווי די עגלות, וואס יוסף האָט געשיקט צו זיין פאָטער יעקב, כדי אים צו באווייזן, אז ער האלט זיך ביי זיין אידיש־קייט.

און איר, מיינע ליבע און געטריי עלטערן, ווי קאָן איך אויס־דריקן מיינע געפילן פאר דעם גוטן וואָס איר האָט מיר געטאָן.

איצט פיל איך מער ווי תמיד די שוועריגקייט, וואָס איר האָט געהאט ביז איר האָט מיך דערלעבט צו זען א בר־מצוה. איך בעט דערפאר צו גאָט, דאָס אזוי ווי ער איז געווען מיט יוסף׳ן, אזוי זאָל ער זיין מיט אונז. ער זאל אונז אלעמען היטן פון בייז און שלעכטס, אונז באגליקן אין אלע אונזערע אונטערנעמונגען, אמן ואמן.

ויחי

ליבע פריינט:

ניט קוקנדיק וואס די היינטיקע סדרה רעדט וועגן יעקב'ס טויט, זיין צוואה צו די זין, און צום סוף אויך וועגן זיין קבורה אין כנען, הויבט עס זיך דאָך אָן מיט „ויחי יעקב". יעקב אבינו לא מת — יעקב איז ניט געשטאָרבן. ישראל לעבט נאָך אליץ! ער קאָן נאָר אויף א ווײלע צומאכען די אויגן, אנטשלאָפן ווערן, דאן קומט א פרישער שטראָם, א נייע באוועגונג און „ויחי רוח יעקב" — דער גייסט פון יעקב לעבט ווידער אויף.

מיר לייענען ווייטער, ווען יוסף האָט זיינע זין געבראכט פאר דעם פאָטער, האָט יעקב זיי ניט דערקענט. עפּעס האָבן זיי אויסגעקוקט פרעמד. זייערע עגיפּטישע קליידער מיט די ניט־אידישע באנעמונגען און פרעמדע זיטן, האָבן יעקב'ן געערגערט און ער האָט אין גרויסן וואונדער אויסגעשריען: „מי אלה?" ווער זיינען זיי? יוסף האָט דעם פאָטערס פראגע גוט פאַר־שטאַנען און ער האָט אים דעריבער געענטפערט מער ווי עס איז געוועזן נויטיק: „בני הם!" זיי זיינען מיינע קינדער, און ער האָט צוגעלייגט „אשר נתן לי אלהים בזה" — וועלכע גאָט האָט מיר געזעצלאך געגעבן.

מיט די ווערטער האָט ער געוואָלט שאַפן די שטימונג, אז ניט קוקנדיק אויף זייער פרעמדן אויסזען, זיינען זיי דאָך אידישע קינדער, געטלאכע מענטשן. און אויף דעם גרונט האָט יעקב זיי ניט נאָר אליין געבענטשט, נאָר ער האָט פארזאָגט, אז דאָס גאנצע אידישע פאָלק זאל זיך מיט זיי בענטשן. און ביז היינטיקן

טאָג בענטשן מיר זיך מיט דער ברכה: ישמך אלהים כאפרים וכמנשה.

אזוי אויך ווען מען קוקט אָן די אמעריקאנער קינדער, זעען מיר א פרעמדע אטמאָספערע ארום זיי, עפּעס ניט ווי מיר דער־ווארטן, עפּעס ניט אינגאנצן אידישלאך. אָבער ווען מיר הערן א אידיש וואָרט, דעם קול קול יעקב, ווען זיי דערמאנען אַ גע־דאנק פון דער סדרה, ווייסן מיר אז ב נ י נ ו ה ם — אז זיי זיינען אונזערע קינדער און זיינען בארעכטיקט צו דער ברכה אויף זייער בר־מצוה טאָג.

זיי דערמאנען אונז, אז „ויחי יעקב" — אז דער יעקב לעבט ווידער אויף אין יונגען דור. אז טיף אין דעם אידישן הארץ קלאפּט נאָך א אידישער גייסט. עוד לא אבדה תקותינו — אונזער האָפענונג איז נאָך ניט פארלוירן.

אזוי לאנג ווי מיר טראכטן וועגן אונזער עקזיסטענץ, אזוי לאנג ווי מיר גיבן זיך אָפּ מיט אונזער לאגע, אזוי לאנג ווי מיר לערנען אונזערע קינדער אידן צו זיין, קאָנען מיר נאָך אלץ האָפן אויף דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק.

מיינע עלטערן האָבן זייערע אויפגאבן צו מיר גאָרניט פאר־נאכלעסיקט. זיי האבן געזען איך זאל האָבן א גוטע אידישע דערציאונג. זיי האבן אויך געזען איך זאל זיין צופרידן און פארווירקלאכן אלע מיינע קינדערשע פארלאנגען. אָט פאר דעם אלעמען ווינטש איך זיי, אז זיי זאָלן ווי יעקב אבינו האָבן נחת פון דעם דערפאָלג פון זייערע קינדער. אמן.

שמות

ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה. דאָס זיינען די נע־מען פון די קינדער ישראל וועלכע זיינען אריינגעקומען קיין מצרים.

חשוב׳ע צוהערער:

אַלע פעלקער הויבן אָן זייער געשיכטע מיט דעראָבערונ־גען, מיט געווינסן און נצחונות. אונזער פאָלק אָבער הויבט אָן איר געשיכטע מיט גלות. די ערשטע סדרה פון דעם צווייטן חומש, שמות, איז די סדרה פון גלות — גלות מצרים.

אין דער היינטיקער סדרה זעען מיר דאָס טרויעריקע בילד פון דער אידישער מוטער, וועלכע מוז איר אייגן קינד אַנטרויען דעם בייזן ים.

צאָרנדיק הויבן זיך די הויכע כוואַליעס פון דעם בייזן ווינט, און אויף אירע שווערע רוקנס טראָגט זיך א קליין קעסטעלע. אַ מאַמע א אידישע האָט דאָרט איר קליין קינד אוועקגעלאָזט. ולא יכלה עוד הצפינו — און זי האָט אים מער ניט געקאָנט באַ־האַלטן.

פון דאמאָלט אָן ביז היינט צו טאָג, טראָגן זיך נאָך אַלץ אונזערע קעסטעלאך מיט די פארלאָזענע משה׳לאך אין די פרעמדע טייכן פון דער וועלט און ווערן אדאָפטירט פון א בתיה בת פרעה. ויהי־לה לבן — ביי דער פרעמדער מוטער ווערט ער אַן אייגענער זון. ערשט ווען ער ווערט גרויס, באקענט זיך מיט די אידישע צרות, דערפילט ער אז ניט א בת פרעה איז זיין מוטער, נאָר א אידישע פרוי, א ליידנדע ווי ער אליין, א קינד פונ׳ם אידישן גלות־פאָלק.

ויגדל משה — ווען משה איז גרויס געוואָרן, ווערט דער־ציילט, ויצא אל אחיו, איז ער אַוועק צו זיינע ברידער פון דער אייגענער מאמען, די מאמע וואס האָט אים אין בלוט און אין טרערן געבוירן.

אָבער אונזערע משה'לאך און שלמה'לאך פון היינט, וואס גרעסער זיי ווערן אלץ פרעמדער ווערן זיי. פרעמד זיינען זיי צו די שוועסטער וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאלטן פרימאָרגן אכטונג צו געבן לדעה מה יעשה לו, וואס מיט דעם קינד וועט זיין. זיי הערן ניט דעם ווייגעשריי פון זייערע אייגענע ברידער. זיי ווערן גרויס און זיי ווערן פרעמד.

היינט צו מיין בר־מצוה טאָג נעם איך זיך אונטער ארויס־צוגיין צו מיינע ברידער און זיי העלפן אין זייער שווערער אַר־בעט. איך וועל ניט דערלאָזן דעם „מצרי", אָט די הערשנדיקע גלייכגילטיקייט, זאָל דערשלאָגן דעם „עברי", מיינע אידישע גע־פילן. שטאָלץ וועל איך זיין מיט מיין אידישקייט. איך וועל פאר איר קעמפן און איר באַשיצן. אָט אזא האנדלונג פון מיין צד וועט זיין, גלויב איך, אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט צו מיינע ליבע און געטרייע עלטערן פאר זייער מי, אַרבעט, אי־בערגעבנהייט און צערטלאכקייט, וואס זיי האבן די אלע יאָרן מיר ארויסגעוויזן.

איך דאנק אייך פאר דעם אלעם, מיינע ליבע און געטרייע עלטערן. איך וועל זען מיט מיינע שאפונגען און מעשים טובים, צו פארדינען אייער ליבע און אכטונג אין דער צוקונפט. איך בעט ביי גאָט, אז ער זאל אייך געבן פיל גליק, געזונט און פרנסה צוזאמען מיט אלע אונזערע פריינד און דעם גאנצן אי־דישן פאָלק, אָמן.

וארא

רבותי:

ויקרא פרעה לְמשה העתירו אל ה׳.

מיר האָבן היינט געלייענט דאָס יעדעס מאָל וואס פרעה האָט איינגעזען זיין שוואכקייט אנטקעגן די קראפט פון אלהי ישראל, האָט ער גערופן משה׳ן תפלה טאָן צו גאָט פאר אים. משה ווידער, וועלכער האָט אליין צוגעזען די שרעקלאכע ליידן פון זיינע ברידער, ווי זיי ווערן אוממענטשלאך פארשקלאפט, האָט פרעה׳ס פארלאנג דערפילט און געבעטן רחמים פאר דעם אומדערבארימדיקן טיראן. אבער אזוי גיך ווי גאָטס צאָרן איז געשטילט געוואָרן, האָט פרעה זיין אכזריות פארשטארקט מיט נאָך גרויזאמערע גזרות אנטקעגן דעם אונטערדריקטן פאָלק.

עס איז שווער צו געפינען א מענטש וואס זאל אזוי גיך פארגעסן און פארגעבן די עולות וועלכע ווערן קעגן אים באַגאנגען, ווי משה רבינו, דער דערלייזער פונ׳ם אידישן פאָלק. זיין לעבן איז פול מיט געטלאכער האנדלונג צו זיינע מיט־מענטשן. אלס ביישפיל וועלן מיר נעמען דעם עגל הזהב.

דאָס פאָלק האָט פאַרגעסן אין גאָטס נסים און נפלאות, זיינע טובות און חסדים, און האבן זיך געשאפן א גאָלדענעם קאלב צו וועלכן זיי האבן זיך געבוקט און געדינט. ווען גאָט האָט זיי פאר אזא פארברעכן געוואָלט פארניכטן פון דער וועלט, האָט משה זיך ביי אים געבעטן: „מחני נא מספרך“, פארניכטע מיך אנשטאָט דאָס זינדיקע פאָלק. ער, דער אומשולדיקער, האָט

געוואָלט מקריב זיין דאָס אייגענע לעבן פאַר די שולדיקע און אומדאנקבארע.

אויך ווען זיין שוועסטער, מרים, האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן אים מיט איר לשון הרע און איז באַשטראָפט געוואָרן מיט א קרעציקער קראַנקהייט, האָט דער זעלבער גאָטפאָרכטיקער מנהיג געבעטן: אל נא, רפה נא לה — הייל איר און שטראָף איר ניט.

אַזעלכע נאָבעלע האַנדלונגען פון דעם פירער פון אונזער פאָלק, ווערן אָפטער נאָכגעטאָן ביי אונזערע עלטערן. ווען מיר, די יונגוואַרג, פאַרגעסן די אַלע טובות און חסדים וואָס אונזערע טייערע פאָטערס און מוטערס טוען פאַר אונז, ווען אונזערע באַהאַנדלונגען זיינען ניט צופרידנשטעליק, קאָנען מיר באַמערקן ווי משה רבינו'ס גייסט ווערט אָפגעשפיגלט אין אונזערע על־טערן. ווי למשל, היינט האָט מען צעבראָכן א גלאָז, נעכטן פאַרפעלט צו גיין אין חדר, אָדער צו מאַכן די לעסאָנס אין פּיאַנאָ, אָבער די ליבע און געטרייע עלטערן זיינען אַלעמאָל גרייט צו פאַרגעסן און פאַרגעבן די זינד פון דעם שולדיקן קינד.

העתירו בעדי — זאָגט דער זון צו דער מוטער, יעדעס מאָל ווען דער פאָטער ווערט אין כעס און לויפט אים שלאָגן, און די מוטער שטעלט זיך אינמיטן און בעט: „זע, לאָז אים צורו". העתירו בעדי — קלאָגט די טאָכטער ווען די אויפגערעגטע מו־טער וויל פאַרקאַמען אירע האָר. און דער פאָטער בעט: „וואָס ווילסטו פון דעם אָרעמען קינד". אין א ווײַלע ארום ווערט אַלץ פאַרגעסן, און דאָס נאַרישע קינד טוט ווידער דאָס פאַרבאָטענע צו דער גרעסטער ענטוישונג פון זיינע עלטערן.

איצט, ווען דרייצן געציילטע יאָרן זיינען פאַרביי, געדיינק איך דייטלאַך וויפיל מאָל מיינע ליבע עלטערן האָבן מיך געהיט

און געשיצט פון אלערליי געפארן, וועלכע זיינען געלעגן אין מיין וועג. ווי געטלאכע מלאכים האָבן זיי אויפגעפאסט דאָס קיין בייז זאָל מיר חלילה טרעפן. צו יעדער צייט זיינען זיי געווען גרייט מיך צו פארטיידיקן קעגן אלע שונאים, וועלכע פלעגן מיך באפאלן — צו די שונאים זיינען געווען קינדערשע קראנק־הייטן אָדער שלעכטע חברים. היינט, אין מיין בר־מצוה טאָג, וויל איך דאָס ערשטע מאָל תפלה טאָן פאר מיינע ליבע עלטערן.

ליבער גאָט, גיב געזונט און לעבן צו מיינע טייערע איבער־געבענע עלטערן, באצאָל זיי כפל כפלים פאר די אלע טובות און חסדים וואס זיי האבן פאר מיר געטאָן. טייל זיי צו א סך כבוד און ערע פאר זייער נאָבעלע האנדלונג, אמן.

ב א

ליבע עלטערן און פריינט:

די ווערטער פון היינטיקן מפטיר דריקן דייטלאך אוים די מצוה פון תפילין, וועלכע איך, אלם א בר־מצוה, מוז איצט אָנ־הויבן אָפּצוהיטן: והיה לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך, כי בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים — עס זאָל זיין פאר א צייכן אויף דיין האנט, און פאר שטערן־בענדער צווישן די אויגן, ווייל מיט אַ שטארקע האנט האָט אונז גאָט ארויסגעפירט פון מצרים.

די תפילין דינען אונז אלם א צייכן, זיך צו דערמאָנען אָן די פליכטן און דערוועקן אונזערע געדאנקען צו דער גרויסער קראפט, וואס הערשט איבער דער וועלט און וואס איז פאראנט־וואָרטלאך פאר יעדע פאסירונג פון טאָג. דערפאר איז עס אַזוי נויטיק מיר זאָלן טאָג־טעגלאך געבן אונזער לויב צו גאָט. מיר זיינען אַנגעזאָגט געוואָרן אָנצוטאָן דעם של יד, נגד הלב, און של ראש, נגד המח, כדי מיר זאָלן קענען פאראייניקן דאָס הארץ און דעם געדאנק אין אלע אונזערע מעשים און מחשבות.

דאָס לייגן תפילין איז דער סימבאָל פון אונזער גאנצער תורה; עס איז דער סאמער יסוד פון אלע אונזערע הייליקייטן און איר אָפּהיטונג ווערט פאררעכנט ווי די דורכפירונג פון אלע תרי״ג מצות. שתהא חשובה מצות תפילין לפני הקדוש ברוך הוא כאלו קימתיה בכל פרטיה ודקדוקיה וכונותיה ותרי״ג מצות התלוים בה.

די תפילין וואס איך בינד ארום מיין האנט און שטערן, זיינען דער קשר של קימא, דער שטארקער בונד, וואס פאראיי־

ניקט דעם מח מיט'ן הארץ און באוועגט צו טראכטן פון די לע־רע, וואס אונזער תורה אנטהאלט און צו טאָן תמיד גוטעס פון די טיפענישן פונם הארץ.

די קינדער וואס קענען זיך ניט פארטראכטן יעדן פרימאָרגן אויף א ווײלע וועגן די גרויסע וואונדער פון גאָט און וועגן זיין גערעכטיקער האנדלונג מיט דער מענטשהייט, פאר־געסן אויך צו דאנקען און אָפּצושאצן די פילע גוטעס וואס זיי דערהאלטן טאָג־טעגלאך פון זייערע עלטערן. דאָס ברײנגט מיט דער צייט דערצו, אז זיי זאלן אויסוואקסן אומדאנקבאר, אומ־צופרידן און עגאָאיסטיש. די מצוה פון תפילין איז דערפאר איינע פון די שענסטע אידישע מצוות, ווייל עס פירט צו גוטע געוואוינהייטן און שיינע געדאנקען און איז אין א גרויסער מאָס פאראנטוואָרטלאך פאר דער אנטוויקלונג פונ'ם קינד'ס כא־ראקטער.

די אנדערע העלפט פון פסוק פון היינטיקן מפטיר, כי בחזק יד הוציאנו ה' ממצרים, דערמאָנט אונז אָן די שטרייִנגע מיט־לען מיט וועלכע מיר אידן זיינען ארויסגעבראכט געוואָרן פון צרות אין פריידן; פון קנעכטשאַפט אין פרייהייט; פון אומוויסנ־הייט צו בילדונג.

אין גלות האָבן מיר זיך גאָר באקענט מיט א פיינטלאכע האנט, וואס שלאָגט און פארפאָלגט אונזערע אומגליקלאכע, פארוואָגלטע ברידער. כאָטש די איצטיקע אונטערדריקער האָבן פיל מאָל דעם אידישן קערפער צו דער ערד געבויגן, האָבן זיי אָבער ניט געקענט באזייטיקן דעם אידישן גייסט, וואס איז דורך משה רבינו איינמאָל פאר אלעמאָל באפרייט געוואָרן.

אין די לענדער וואו יעדע באוועגונג איז באגרענעצט, יעדע פרייהייט באשרענקט, וואקסט אויף א אידישקייט, וואָס איז

שטאַרק און מעכטיק; אַ גלויבן וואָס איז שטאַרק ווי אייזן. אין די לענדער אָבער וואו מיר געניסן פאָלקאָמע פרייהייט, וואו עס איז ניטאָ קיין „יד חזקה“ מיט די גרויזאַמע פאָגראָמען, פעלט אָבער דער אַלטער אידישער גייסט און גלויבן. ניט ווילנדיק מוזן מיר פרעגן: דאַרף מען טאַקע תמיד שלאָגן דעם אידן און אים פאַרפאָלגן, כדי אין אים צו דערוועקן גוטע מדות? קאָנען מיר ניט לעבן אין אַ פרייער לאַנד און דאָך פאַרבלייבן גוטע און שטאָלצע אידן?

דערפאַר האָט פאַר מיר דער אויבנדערמאָנטער פסוק אַ צווייפאַכנדיקן געדאַנק: עס לערנט מיך, אַז אַלס בר־מצוה מוז איך אָנטאָן די תפילין און אָפּהיטן די מצוות פון גאָט. עס דער־מאָנט מיר אָבער אויך אַז מיר מוזן עפּעס טאָן פאַר כלל ישראל, כדי מעגלאַך צו מאַכן פאַר אַ סך אידישע קינדער פאַרפאָלקאָמט צו ווערן אַלס אידן מיט אַ העברייאישער שפּראַך; אַלס אידן מיט פולער פאַרשטענדעניס פון זייער געשיכטע און רעליגיע; אַלס אידן וואָס זאָלן זיין פאַקל־טרעגער פון אַ נייעם פאַרבעסערטן דור. אין אַ געוויסן מאָס האָבן מיינע ליבע עלטערן די אויפ־גאַבע דערפילט און זיי זיינען דערפאַר באַרעכטיקט צו דער ברכה פון גאָט, אמן.

בשלח

„ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים
דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא“.

פריינט און צוהערער:

ווען די אידן זיינען ארוים פון מצרים, האָט גאָט זיי ניט גע־פירט דורך דעם קורצן וועג, נאָר פארקערט, ער האָט זיי גע־פירט דורך וואסערן און מדבריות וואס האָט גענומען אן ערך פון פערציק יאָר דורכצוגיין.

וואונדערן זיך די היינטיקע טוריסטן וואס פאָרן פון ארץ ישראל נאָך עגיפּטן אין א משך פון דריי טעג; וואונדערט זיך אויך די גאנצע וועלט און פרעגט: צי וואס האָט משה געדאַרפט פירן דאָס פאלק דורכ׳ן מדבר גאנצע פערציק יאָר? פארוואס האָט ער געדאַרפט אָנקומען צו געטלאכע נסים פון א קריאת ים־סוף, פון אומנאַטירלאכע שפייזן און געטראנקען, ווען ער האָט געקאָנט דאָס שקלאפן־פאָלק פון מצרים ברענגען אין אייגן לאנד כנען, אין גאָר א קורצער צייט.

איז דער ענטפער גאָר א פשוט׳ער: עס האָט געמוזט נע־מען א סך צייט אויסצולערנען א פארשקלאַפט פאָלק דעם ווערט פון פרייהייט; אנטוויקלען אין זיי דעם געפיל פון רעליגיע און אחדות הבורא.

אַן ענלאכע פראגע פון קפיצת הדרך, צייט־פארקירצונג, ווערט געשטעלט וועגן דער דערציאונג פון א בר־מצוה בחור. מען פרעגט, למשל, צו וואס דאַרף מען שיקן אַ קינד אין חדר

אַריין יונגערהייט, ווען ער קאָן זיך אויסלערנען די תורה פאר זיין בר־מצוה אפילו ווען ער איז צוועלף יאָר אלט? און פילע עלטערן דערמאָנען זיך טאקע וועגן דעם קינדס חנוך ערשט דאמאָלט, ווען דאָס בחור׳ל איז שוין אויפ׳ן שוועל פון בר־מצוה.

אין אמת׳ן אבער, איז אפילו דרייצן יאָר לערנען כסדר ניט גענוג צייט צו ווערן באַהאַוונט אין שפּראך, היסטאָריע, דינים און מנהגים, לכל הפּחות אויף אַזויפיל ווי א אידיש קינד דאַרף וויסן. די בר־מצוה צערעמאָניע האָט געדארפט זיין דער סיום פון א גרינטלאכע, אינטענסיווע אידישע דערציאונג; א סך הכל פון אידישער אויפפאסונג אין די קינדערשע יאָרן, און אַן איבערגאנג צו זעלבסטשטענדיקייט.

אזוי ווי דאָס אמעריקאנער קינד גראַדואירט פון פאָלקס־שולע ערשט נאָך 9 יאָרן לערנען, אזוי איז דאָס אידישע קינד בארעכטיקט זיך צו פארפאָלקאָמען אין די ערשטע אָנהויב־למודים און זיך צוגרייטן צו א העכערן למוד. אָבער ווען דער גאנצער לערנען ווערט קאָנצענטרירט אויף א מפטיר און דרשה, ווערט דער טפל פארוואנדלט אין דעם עקר.

מיר וויסן אז א נאָך־שפּייז ווערט מיינסטנס מאָל סערווירט ווען מען האָט שוין די גאנצע סעודה אָפּגעגעסן, אָבער מיט א נאָך־שפּייז אליין קאָן מען קיינמאָל ניט זאַט ווערן.

הונגעריקע אין אידישן למוד און רעליגיע, גייען פילע קינדער ארום אין זייער בר־מצוה טאָג. ביי זיי איז פיל מאָל דער דרייצנטער געבורטס־טאָג סיי אַן התחלה און סיי א סיום. פארפרעמדט זיינען זיי פון דער שול און שולע, פון אידן און אידישקייט.

גאנץ אנדערש פיל איך היינט. איך געדיינק, אז מיינע ליבע עלטערן האָבן מיך געשיקט אין חדר פון פריסטער יוגנט

אָן. ווען איך האָב מיינע ענגלישע למודים אָנגעהויבן, האָב איך אויך אָנגעפאנגען דעם א״ב, און איך וועל ביידע צוזאמען ווייטער פאָרטזעצן. איך וויים, אז ניט נאָר דרייצן יאָר, נאָר אפילו פערציק זיינען אויך ווייניק געווען צו דערלערנען אונזער גאנצע תורה און רעליגיע. איך האָף, אז גאָט וועט מיר באַהילפיק זיין אין מיינע אונטערנעמונגען און אז ער וועט געבן געזונט און כוחות צו אייך, געטרייע און ליבע עלטערן, אייערע אמביציעס דורכצופירן, מיט ברכה והצלחה וכל טוב, סלה.

יתרו

ליבע עלטערן און פריינט:

אזוי ווי די בני ישראל זיינען מיט טויזנטער יאָרן צוריק געוואָרן א נאַציע דורך די צען געבאָט, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויפ׳ן בארג סיני, אזוי אויך ווער איך היינט א פולבארעכטיקטער איד דורך די זעלבע עשרת הדברות, וועלכע זיינען נאָר וואָס פאר מיר געלייענט געוואָרן.

און פונקט ווי די אידן דאמאָלט, שטיי איך איצט מיט א ציטערדיק און מורא׳דיק הארץ, צו דערקלערן, אז איך וועל היטן די תורה ווי עס פאסט פאר א מיטגליד פון אַזאַ נאַציע.

זייענדיק אצינד מקבל דעם עול מלכות שמים, דאכט זיך מיר, אז דער בארג סיני איז איבער מיין קאָפּ, אז די קולות פון די דונערן קלינגען אין מיינע אויערן און אז א דיקער וואָלקן רינגלט מיך ארום.

אָט הער איך א שטים: „אנכי ה׳ אלהיך“ — צו זיין א בר־מצוה און אן אמת׳ער איד, מוזטו תמיד געדיינקען דעם „ה׳ אחד“.

„זכור את יום השבת לקדשו“ — זאָלסט האלטן הייליק דעם שבת, דעם טאג אין דער וואָך, וואס גאָט האָט באשטימט אלס א רו־טאָג.

„כבד את אביך ואת אמך“ — גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און מוטער.

„לא תרצח“ — זאָלסט ניט מאָרדן.

„לא תנאף“ — זאָלסט ניט זיין טריילאָז.

„לא תגנב“ — זאָלסט ניט גנב'נען.

„לא תענה ברעך עד שקר“ — זאָלסט ניט פאלש עדות זאָגן.

„לא תחמוד“ — זאָלסט ניט גלוסטן דאָס וואס געהערט ניט דיר.

אך! וואָס פאר א טייערע מצוות זיי זיינען! וואָלט די מענטשהייט געקאָנט עקזיסטירן אָן אזעלכע נאָבעלע פרינציפן? אודאי ניט. איבערהויפט זיינען די דאָזיקע מצוות פון גרוים וויכטיקייט פאר יונגע קינדער, וועלכע ווייסן ניט דעם אונטער־שיד צווישן גוט און שלעכט.

איז דען פאראן א וויכטיקערע לעקציע פאר א קינד, ווי די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך?

זעט וויפיל מיינע ליבע עלטערן האָבן צוליב מיר געליטן ביז זיי האבן דערלעבט דעם איצטיקן מאָמענט. וויפיל ערגער־ניש זיי האבן אריבערגעטראָגן. וויפיל עגמת נפש איך האָב זיי פארשאפט. וויפיל טעג זיי האבן ניט דערעסן און וויפיל נעכט זיי האָבן צוליב מיר ניט דערשלאָפן. און דאָך האָב איך דאָס אַלעס ניט באמערקט, ביז די הייליקע תורה האָט מיר אויפ־מערקזאם געמאכט וועגן מיינע פליכטן צו די עלטערן. איך מוז איצט זען זיי מער כבוד צו פארשאפן. איך פארהאָף עס צו טאָן מיט דעם, וואס איך וועל זיין מער געהאָרכזאם צו זיי און צו דער הייליקער תורה מיט אירע דינים ומנהגים.

איר וועט אפשר זאָגן, אז אלע בר־מצוה בחורים שרייען אוים פה־אחד „נעשה ונשמע“ — מיר וועלן טאָן און מיר וועלן הערן — כאָטש זיי פארשטייען אפילו ניט וואס א איד דארף טאָן.

מיר קינדער, ווייסן אויך אז ביי מתן תורה האָבן די בני ישראל אזוי אויסגערופן, דערפאר זאָגט מען, אז דאָס אידישע פאָלק איז אן עמאָ פזיזאָ דמקדמין פימיכא לאָזניכא — אן איילנדיק פאָלק, וואס רעדט איידער עס הערט.

אָבער ווען משה רבינו האָט דעם זעלבן אינצידענט אין משנה תורה איבערגע׳חזר׳ט, האָט ער באנוצט דעם אויסדרוק ושמענו ועשינו, וואס מיינט אפריער האבן מיר געהערט, דער־נאָך האָבן מיר געטאָן. די אורזאך דערפון איז וואס דעם צווייטן מאָל איז דער אינהאלט פון די תורה און עשרת הדברות געווען גוט באקאנט און די אידן האָבן געקאָנט זאָגן דרייסטלאך — „שמענו ועשינו“.

אין דעם זין פיל איך זיך אנדערש פון מיינע חברים, וועלכע האָבן אין א אידישן אַנשטאַלט קיינמאָל געלערנט. זיי זיינען מיט דער תורה גאָר ניט באקאנט, און נישט ווייסנדיק וועגן וואס עס האנדלט זיך, מעגן זיי אויסשרייען ווי אונזערע אורעלטערן אין דער מדבר — נעשה ונשמע. איך אבער בין אימשטאַנד צו זאָגן: ושמענו ועשינו! ווי די שפּעטערדיקע דורות, וועלכע האָבן שטודירט די הויכע געדאנקען פון אונזער תורה, האָבן געזאָגט. איך האָב אויך געהערט און געלערנט, און איצט בין איך באריט צו שאפן און טאָן.

און אויב עס וועט מיר געלינגען מיינע פלענער אויסצופירן, וועל איך קאָנען אַרויס פון א וויסט לאנד, פון די קינדערשע פּע־לערן און נארישקייטן, און אריינטרעטן אין א לאנד פון זבת חלב ודבש, א צוקונפט וואס וועט געבן פרנסה און הצלחה, גליק און צופרידנהייט פאר מיר און פאר מיינע ליבע עלטערן און כלל ישראל. אמן.

משפטים

ליבע עלטערן און פאַרזאַמלטע:

שטייענדיק ביי די פּיראַמידן פון דער עגיפּטישער קולטור — א קולטור פון הארטן שטיין, רויטע ציגל און שווערן ליים — האָט דער גרויסער קריגס העלד נאַפּאָלעאָן אויסגערופן צו זיינע סאָלדאַטן: „דרייסיק מיט פינף הונדערט יאָרן קוקן אויף אייך."

און אויפגעלעבט האָט די ארמיי פון שווערד און ביקס, כלים פון טויט און פאַרוויסטונג, און זיינען אוועק מאַרש פאָר־אויס צו זיגן און טריאומפירן.

אָנגעפילט מיט יראת־הכבוד און אימת־הבורא שטיי איך אויך איצט אלס בר־מצוה ביי דעם אָן א שיעור גרויסן, טויזנט־יאָריקן פּיראַמיד, אונזער אייגענער עכט־אידישער פּיראַמיד, דער ואלה המשפטים.

ניט פון הארטן שטיין געמישט מיט מענטשלאַך בלוט, ניט פון רויט געברענטן ציגל איז אונזער משפטים־פּיראַמיד, נאָר ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון דימענטענע ווערטער, פון בריליאַנ־טענע געדאנקען און פון געטלאַכן שיין.

זייער אָפט פרעגט די וועלט, פאַרוואס מיר אידן האבן אזוי ווייניק בייגעשטייערט צו ארכיטעקטור און סקולפּטור. אין דער גאנצער ביבלישער צייט ווערט א חוץ דעם בית־המקדש גאָר ניט צוגעשריבן צו אונזער נאָמען. די אלע טוריסטן אין עגיפּטן קאָנען ניט געפינען קיין איין אידישן נאָמען אָדער אויפשריפט, קיין איין מאָנומענט, וואס זאל באשרייבן זייער גרויסקייט, אזוי

ווי די עגיפּטיאַנער, גריכן און רוימער האָבן עס געטאָן. דער ענטפער איז: אַז כּדי אויפצושטעלן די גרויסע פּיראַמידן, כּדי צו שלעפּן אומגעהויער גרויסע שטיינער, אָן די הילף פון מאָדערנע מאַשינעריי, ווערט געפאָדערט דאָס לעבן פון מענטשלאַכע קנעכט. די געביידעס זיינען אַ סימן פון דער עגיפּטישער שקלאַפעריי. מיר אידן אבער האָבן געפּרעדיקט: „לא תעבד בו בפרך״. אפילו אין די ביבלישע צייטן זיינען מיר געווען קעגן שקלאַפעריי און קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און היינט שטייען מיר העכער מיט אונזערע אידעאַלן פון די איצטיקע זאָגענאַנטע מאָראַל־פּריידיקער.

דעריבער רעדט צו מיר די משפּטים־פּיראַמידע מיט אַנדערע ווערטער ווי דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט גערעדט. עס רופט אויס צו מיר: „בר־מצוה, ניט מיט שווערדן, ביקסן און קאַנאָנען קאָנסטו איצט דיין זיג דערגרייכן! די מעטאָדן זיינען צו ברוטאַליש, זיי ברייגען אום די העלדן און באַזיגטע. גיי פאָראויס אָנגעלאָדן מיט ספרים און תורות, מיט דעם טלית און תפילין, די געווער וואָס האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און פון אַלערליי רדיפות און פּורעניות. אָט די וואונדערלאַכע ישראל־קולטור, וועט עס דיך דערפירן צו דערפאָלג״.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך טראַכט וועגן די הימלישע געדאַנקען. מיינע ליבע עלטערן און לערער האָבן דאָס תמיד געפּרעדיגט, און וואָס עלטער איך ווער אַלץ מער הויב איך אָן צו באַגרייפן דעם אמת פון די ווערטער. עס מאַכט ניט אויס ווי פאַרשקלאַפט איינער זאָל ניט זיין; ווי שטאַרק די טויערן קענען אים זאָלן ניט זיין פאַרשלאָסן, ווי באַלד ער פאַרמאָגט נאָר געניג וויסן און פאַרשטאַנד, קען ער אַלץ בייקומען.

צוליב דעם קען איך ניט געניג אָפּשאַצן די שטרייניגע מיט־

לען, וואס מיינע ליבע עלטערן האָבן קענגן מיר אָנגעווענדט, כדי מיך צו צווינגען צו לערנען תורה.

ווי אלע אמעריקאנער קינדער האב איך ווייניק חשק גע־האט, אבער זייער אייזערנער ווילן האָט מיך גובר געווען. איצט, אַז זיי האבן דערלעבט צו הערן פון מיר א אידיש וואָרט צו מיין בר־מצוה, איז זייער האָפענונג דערפילט.

ווען איך וועל עלטער ווערן און מער פארשטיין, וועל איך זיי אויף א מער פּאַסיקן אופן באלוינען, דערווייל בעט איך גאָט אַז ער זאָל אויף מיין נייעם חשבון, בענטשן מיינע ליבע און געטרייע מיט גליק און פארגעניגן און א גרינגן לעבן. אמן.

תרומה

רבותי:

מיט די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן א נייע ווענדונג אין דעם לעבן פון דעם דור המדבר. עס איז בלויז צוויי יאָר זינט דאָס פאָלק האָט זיך באפרייט פון שקלאפעריי אין מצרים און פירט אין דער פרייער מדבר אן אייגנאַרטיק לעבן. די בני ישראל האָבן דורך דער קורצער צייט פיל אויפגעטאָן. זיי האָבן מקבל געווען די תורה, זיך אויסגעלערנט די חוקים און משפטים, ווי אזוי צו לעבן און רעאגירן אן אייגן לאנד, און איצט פארלאנגט מען פון זיי עפּעס נייעס: צו בויען א משכן, א הויז פאר גאָט, ווי עס ווערט אין דער היינטיקער סדרה אויסגעדריקט: ועשו לי מקדש — און איר זאָלט מיר מאכן א מקדש.

ביז דאמאָלט האָבן די אידן אלץ געשאפן פאר פרעמדע. געבויט שטעט פאר פרעה'ן; טעמפלען פאר די מצרים. איצט אָבער זיינען זיי באאויפטראגט געוואָרן צו בויען זייער אייגע־נעם טעמפל, זייער אייגענע צוקונפט — ועשו לי מקדש.

מערקווירדיק, כאָטש ווייט און ברייט איז די מדבר, דאכט זיך, יעדער איינער לעבט אן אייגנאַרטיק לעבן, א חונה לשבטיו, אָפּגעזונדערט, דאָך ווען ער טרעט אריין אין משכן, אין אהל מועד, פילט ער זיך אין דער היים, אזוי ווי צווישן ברידער פון אן אייגענעם שבט.

פריינט, דאָס איז איינער פון די נסים וואס האָט פאסירט ניט נאָר אין ווייטן מדבר, נאָר עס פאסירט אויך יעדן טאָג פאר אונזערע אייגענע אויגן. מער ניט, אין בעל הנס מכיר בנסו — מיר באמערקן עס ניט. פרעמדע זיינען מיר אין די רווישנדיקע

גאסן; צוזייט און צושפרייט איבער דער גרויסער ווייטער אמע־ריקא, דאָך האבן מיר אבער אונזער משכן אומעטום. שולן גרויסע, שולן קליינע, בתי־מדרשים, מנינים, שטיבלאך, קלייז־לאך, און קומט א איד אין איינע פון די הייליקע פלעצער, פילט ער זיך שוין ניט פרעמד. ער פארגעסט אויף א ווייל, אז ער איז אַ וואנדערער אין ווייטע מדבריות; אן אומבאקאנטער אין פרעמדע וועלטן, נאָר פארקערט, ער פילט אַז ער איז א קינד פון איין פאָטער, א נאָכפאָלגער פון איין גאָט; א מיטגליד פון איין נאציע. כל ישראל חברים — אלע אידן זיינען איינס!

אָט אזוי האלט אונז די שול צוזאמען אין גרויסן גלות, אין מדבר העמים, פונקט אזוי ווי דער משכן האָט צוזאמען גע־האלטן די צוועלף שבטים אין יענער פערציק־יאָריקער וואנדע־רונג אין מדבר פון בעל־צפון ביז הר־נבו.

אָבער צו בויען א משכן מוז מען האבן עצי־שטים, געוויסע האָלצן, געוויסע מאטעריאלן, און אונזערע חכמים פרעגן: „מהיכן היו הקרשים?" — פון וואנען האָט מען אין משכן גע־נומען ברעטער? און דער ענטפער איז: יעקב אבינו נטע אותם בשעה שירד למצרים — אונזער פאָטער יעקב האָט זיי פאר־פלאנצט ווען ער און זיינע זין זיינען ארונטערגעגאנגען קיין מצרים.

עס ווערט אויך געזאָגט: אמר יעקב לבניו: בני עתדים להגאל מכאן. יעקב אבינו האָט געזאָגט צו זיינע זין: מיינע קינדער וועלן אין דער צוקונפט אויסגעלייזט ווערן פון דאנען, און גאָט וועט פון זיי פארלאנגען צו בויען א משכן, דערפאר פלאנצט איצט בוימער כדי ווען מען וועט די בוימער דארפן, זאָלן זיי זיין אָנגעגרייט.

מיינע ליבע און טייערע עלטערן, און אויך די מיטגלידער פון שול, דערפילן יעקב׳ס צואה פונקט אזוי ווי די יחידי סגולה

אין מצרים, וועלכע האבן זייער האָפענונג ניט פארלאָרן. מיינע טייערע האָבן קיינמאָל ניט פארגעסן אויפצופאסן אויף זייערע אייגענע צווייגן אפילו נאָך א שווערן טאָג אַרבעט. ווען אַנ־דערע יאָגן זיך נאָך גרויסע רייכטימער און פארמעגנס, פאר־אינטערעסירן זיך מיינע ליבע אין דער צוקונפט פון זייערע קינ־דער. זיי האבן מיר געגעבן א פילזייטיקע דערציאונג אין חדר, אין פאָבליק סקול, ווי אויך ביים לערער פון מוזיק. זיי האָבן אויפגעפּאסט אויף די ארזים כדי עס זאל שפּעטער זיין מיט וואָס צו בויען א צוקונפט.

איך דאנק אייך, ליבע עלטערן, פון טיפסטן הארצן. אויך דאנק איך די נאָבעלע מענטשן, וואס שטיצן די שול, וואו די יונ־גע ארזים פאר די צוקונפטיקע עמודים און מזבחות ווערן דער־צויגן. מיר האָפן, אז עס וועט קומען א צייט, ווען מיר וועלן שוין מער ניט דארפן צובויען און פאנאנדערנעמען צייטווייליקע געצעלטן, נאָר „הבאים ישרש יעקב“ — ישראל וועט זיך איינ־וואָרצלען אויף זיין אייגן לאנד, בהר ציון ווירושלים, אַוואו ער וועט קענען פירן אַן אייגנאַרטיק לעבן, וואו גאָט וועט אונז היטן און בענטשן און העלפן דעם כלל ישראל. אמן.

תצוה

פריינט און פאַרזאַמלטע:

היינט לייענען מיר ואתה תצוה... להעלות נר תמיד. — און דו זאָלסט באפעלן אָנצוצינדן א שטענדיקן ליכט.

כמעט אין יעדן שול אוואו איך בין נאָר געווען, פאַרנעמט דער אויבן אָן א קליין פייערל, וואס מען רופט „נר תמיד", אלס אַ וויכטיקער צייכן פון אלטן בית המקדש.

עס איז אַ וואונדערבארע לעמפל, א צויבער־שיין, וואס זיין גלייכן איז גאָר ניטאָ. אָט אין דעם אייביקן שיין פונ'ם לעמפל, זע איך דאָס לאנגע דויערהאפטיקע לעבן, די פארקערפערונג פונ'ם גאנצן יודנטום.

און וואס קאן איך בעסער טאָן אין מיין בר־מצוה טאָג, ווי אָפּשאצן די גרויסקייט און דויערהאפטקייט פון דעם אידישן פאָלק?

גאָט האָט אונז פאַרזאָגט אז דאָס לעמפל זאל תמיד ברענען, אז פאר יאָרן און יאָרן זאל עס לייכטן אונזער גלות־וועג, און אָט אזוי איז עס פארבליבן. עס שיינען די זעלבע שטראלן אויפ'ן זיידן, אויפ'ן טאַטן, און אויך אויף די קינדער פאר דורות און דורות.

דער נר תמיד איז דער סימבאָל פון אידישן גייסט, פון אי־דישער נשמה. אָבער ווען קען עס געבן ליכט און פאַרשטאַנד, בלויז ווען מען נוצט די שמן זית זך, ריינע, קלאָרע אויל, וואס איז ניט באשמוצט און ניט אומריין. און ווען מיר ווילן אָנצינדן

דאָס ליכט פון אידישקייט און רעליגיע אין די הערצער פון אונ־זערע קינדער, מוז עס אויך געטאָן ווערן מיט שמן זית זך, מיט ריינע און ניט־באַשמוצטע מאָטיוון און געדאנקען.

מיר זעען ווי דורך טויזנטער יאָרן ווערן בערג און טאָלן פאַרשוואונדן. די צייט פאַרענדערט אַלעס. אבער דורך די זעלבע טויזנטער יאָרן איז דער איד נאָך אַלץ פאַרבליבן דער זעלבי־קער. מיר וויסן פון דער געשיכטע, אז גרויסע, ריזיקע פעלקער וועלכע האָבן געפייערט זיגן און נצחונות, זיינען אינגאנצן פאַרגעסן געוואָרן און אָפּגעווישט פון דער ערד, אָבער דער גרוי־אַלטער ישראל לעבט נאָך און ווייזט ארוים א סך סמנים פון יוגנט און לעבהאַפּטיקייט. ער ווייסט, אז פון דעם טאָג וואס גאָט האָט די וועלט באַשאַפן און האָט דעם ערשטן פאַרזאָג פון „יהי אור" געגעבן, ביז דעם היינטיקן נר־תמיד, האָט דאָס ליכט אַלעמאָל מנצח געווען די פינסטערניש וואס דראָעט אונז צו פאַרניכטן.

און כאָטש עס באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אַן אַנ־טיסעמיטישער וואולקאַן וואָס פאַרדונקלט אונזער צוקונפט אויף אַ ווײַלע, לא אירא רע — וועל איך זיך ניט שרעקן, כי אתה עמדי, ווייל דו, גאָט, ביסט מיט מיר, אידן זיינען דאָס ליכט אליין, אידן שיינען דורך די שווארצסטע וואָלקנס, און גיבן לערע און קול־טור צו דער גאנצער וועלט. מיר האָבן תמיד א געטלאכן היי־ליקן פייער מיט אונז, און אזוי לאנג ווי מיר האלטן אָן אונזער תורה, לערנען איר צו אונזערע קינדער, וועט דער נר תמיד פאר אונז אַלעמאָל שיינען.

איך בין שטאָלץ מיט מיין אידיש פאָלק, וואָס גיט מיר א בכבוד'יקן אָרט צווישן אנדערע פעלקער; איך בין שטאָלץ מיט מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, וועלכע שיקן מיך אין א חדר

לערנען אונזער וואונדערבארע געשיכטע. איך בין שטאָלץ מיט אייך, פריינט, וואס איר פילט אָן א שול עדות צו זאָגן, אז עם ישראל חי — אז ישראל לעבט. איך בין שטאָלץ אין מיין בר־מצוה טאָג זיך צו ציילן צוזאמען מיט אייך.

זאָל גאָט אויף אונז איצט שיקן זיינע פילע ברכות, און געבן מיינע ליבע איבערגעגעבענע עלטערן, מיינע באליבטע ברידער און שוועסטער און אלע אונזערע פריינט, גליק, געזונט און גרוים פארגעניגן. אמן.

כי־תשא

חשוב׳ע צוהערער:

„כי תשא את ראש בני ישראל, ונתנו איש כפר נפשו״, אַמאָל, אז מען האָט געציילט די אידישע קינדער, האָט יעדער געגעבן אויסלייז געלט, און לויט דעם „כפר״ האָט מען געוואוסט „נפשו״, זיין אידישקייט.

היינט איז אנדערש, היינט צו אונזער באַדויערן, רעכענען מיר זיך ניט מיט די קליינע אידישע קינדער, זיי אינטערעסירן אונז ניט, ערשט ווען איינער ווערט בר מצוה, אן „איש״, דאן הויבן מיר אים אָן צו ציילן אלס אַ צענטן צו א מנין, אלס אַ דריטן צו א מזומן.

עס איז, דעריבער, ניט מער ווי רעכט, אז ווען א אידיש קינד דערגרייכט מיט מזל דעם דרייצנטן יאָר, ווען ער ווערט בר־מצוה, זאָל ער עטוואס ביישטייערן, זאָל ער געבן א „כפר נפשו״.

עס זיינען אבער דאָ צווייערליי ביישטייערונגען: א נדבת כסף, א קערפּערלאכע ביישטייערונג, און א נדבת לב — א גייס־טיקע ביישטייערונג.

ווען דער רעליגיעזער אינסטינקט האָט זיך דערוועקט אין דור המדבר, ווען זיי האָבן געוואָלט ארויסווייזן זייער איבער־געבנהייט צו גאָט, ווען זיי האָבן אייגנארטיק געפאָדערט: „עשה לנו אלהים״, האבן זיי פאר דעם צוועק ביי־געשטייערט דאָס גאָלד מיט די רינגען, וואס זיי האבן דאן פארמאָגט. אָט דאָס דאָזיקע איז געווען בלויז א קערפּערלאכע נדבה, א מאטעריעלע מתנה,

און דערפון איז ארויסגעקומען דער שעדלאכער עגל הזהב, וואס האָט געבראכט פאר די שאפער גרויסע פארלוסטן.

ווען משה רבינו האָט געוואָלט געבן א מתנה צו גאָט, ווען דער געטלאכער געפיל האָט זיך אין אים דערוועקט, ויפסל שני לוחות אבנים, האָט ער אויסגעהאקט די הייליקע צוויי לוחות, וועלכע האָבן ענטהאלטן די שעצבארע צען געבאָט, דאס איז געווען א גייסטיקע באשטייערונג, וועלכע האָט אים געבראכט דערפאָלג. מפסלתן של הלוחות נתעשר משה — פון די לוחות איז משה רייך געוואָרן.

מיט בר־מצוה קינדער איז אויך דאָס זעלביקע, איינער ברייגנט א קערפערלאכע ביישטייערונג און א צווייטער א גייסטיקע.

כי בשש משה, ווען אונזערע היינטיקע משה׳ס פארשפעטיקן זיך; ווען אנשטאט צו קומען היינט, קומען זיי מאָרגן; ווען אנשטאט צו שיקן זייערע קינדער אין חדר צו זעקס יאָר, ווי אין פאָבליק סקול, שיקן זיי די קינדער צו צוועלף יאָר און צו דרייצן יאָר, ווען די זין דארפן ווערן בר־מצוה. דאמאָלט ווען דער דערווארטעטער טאָג קומט אָן, קען דאס קינד מער ווי א קערפערלאכע ביישטייערונג ניט מאכן. ער קען האבן א פאר־שווענדערישע פארטי, ער קען איינריכטן א גרויסע פארוויילונג, ווייל דאָס פאָדערט ניט קיין לערע און בילדונג, דאָס פאָדערט נאָר קאלטע מטבעות.

זאָל מען אפילו דאָס קליינע קעלבעלע אָפגיסן מיט גאָלד און זילבער, וועט עס אלץ בלייבן דער אומבאדייטענדער נפש פון נעכטן, זאל מען אפילו שרייען: „אלה אלהיך ישראל", אז דאס גאנצע אידישקייט באשטייט בלויז אין א „בר־מצוה פאָרטי", און דאָס איבעריקע לערנען איז ניט נויטיק, טאָרן מיר אלץ ניט אָוועק פונ׳ם אמת.

גאנץ אנדערש איז עס מיט א קינד, וואס פאַרשטייט די קליינע אותיות׳לאך; וועלכער האָט א טיפערן באגריף פון די חוקים און משפטים, פון די דינים און מנהגים און פון די רעלי־גיעזע באדייטונג — בן שלש עשרה למצות. אפילו ווען אזא קינד פראוועט אויך די „פרפראות“, די באַפוצונגען, „ספיטש“ און „פאַרטי“, רופט עס אָבער ארויס העכערע געפילן.

די אגדה דערציילט: ווען משה איז געווען אויפ׳ן באַרג סיני און דערהאלטן די לוחות פון גאָט, זיינען די טאָוולען געווען זייער לייכט אין זיינע הענט, אזוי גיך אבער ווי ער האָט אָנגע־הויבן ארונטערצוגיין פון באַרג סיני, זיינען די לוחות אים גע־וואָרן שווערער און שווערער, ביז ער האָט זיי אינגאנצן צע־בראָכן.

די לוחות הברית מיט וועלכע איך פאַרבינד זיך אלס פאָל־קאָמער איד דאָ אויף דער בימה, האָף איך אויך אָנצוהאַלטן, אפילו ווען איך וועל דעם הויכן פלאַץ פארלאָזן.

איך וועל דעם אינהאלט פון די עשרת הדברות אויסקריצן אויף די טאָוולען פון מיין האַרצן, כדי איך זאָל האָבן א וועג־ווייזער ווי זיך צו באגיין קעגן גאָט און לייט, אויך ווי אזוי צו באהאנדלען מיינע ליבע און איבערגעגעבענע עלטערן. דער „למען יאריכון ימיך“ זאָל ניט בלויז זיין א באלוינונג פאר אָפּ־געבן מיינע עלטערן כבוד, נאָר אויך א באַלוינונג פאר זיי אליין, פאר דער גוטער דערציאונג, וואס זיי האָבן מיר געגעבן. זאָל מיין מתנה צו זיי זיין א גייסטיקע. זאָלן זיי האָבן פיל נחת פון מיר און פון זייערע איבעריקע קינדער און לעבן א לאנג צו־פרידנשטעליקן לעבן. אמן.

ויקהל

פריינט:

פון די אלע וואונדערבארע אנטיקלאך, פון די גאָלדענע און זילבערנע זאכן, פון די צויבער־שטיינער און טייערע ברילאנטן, פון זיידנצייג און פיינסטן וועבונג, וועלכע זיינען אין אלע איינ־צעלהייטן באשריבן געוואָרן אין דער היינטיקער סדרה, איז אָן שום צווייפל דאָס חשוב׳סטע, דאָס וויכטיקסטע, דאָס הייליקסטע געווען דער ארון, וועלכן גאָט האָט פאר זיך אליין דערוויילט, אלס רו־פּלאַץ, ווי עס שטייט: „ונועדתי לך שם“.

אין דעם ארון איז געווען באהאלטן די אידישע קאָנסטיטו־ציע, דער ערשטער און הייליקער דאָקומענט פון די בני ישראל, די לוחות אף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די עשרת הדברות, כתובות באצבע אלהים. אין דעם ארון זיינען אויך שפעטער פארבאהאלטן געוואָרן אלס אנדיינקונג פאר צוקונפ־טיקע דורות דער מטה ארון, אהרן׳ס שטעקן, און א בעכער אָנגע־פילט מיט דעם מן מיט וואָס די אידן אין דער מדבר האָבן זיך געשפּייזט.

די אגדה דערציילט, צו באוואָרענען און אויפהיטן אָט דעם טייערן אייגנטום פון משכן, האָט גאָט אוועקגעשטעלט די כרובים „פורשי כנפים“, מיט די פליגלען אויסגעשפּרייט אין דער הויך. דאָס געשטאַלט פון די מלאכים איז געווען ווי דער געשטאַלט פון די קינדער.

פריינט, אין דעם טאָג וואס איך ווער דרייצן יאָר אלט, אין דעם טאָג וואס איך פארבינד זיך אָפיציעל מיט דעם רעליגיעזן

אידישן לעבן, דארף איך ניט האָבן קיין בעסערע לערע, קיין מער באגייסטערנדיקן געדאנק, ווי די לעגענדע, וואס באווייזט מיר, אז די אידישע קינדער זיינען די אמת׳ע באשיצער און היטער פון אונזער אמונה און גלויבן.

כאָטש איך בין נאָך יונג, מיר פעלט נאָך א סך וויסנשאפט און פארשטאַנד, קאָן איך ניט פארפעלן צו באגרייפן די גרויסע פאראנטוואָרטלאכקייטן וועלכע איך דארף טראָגן. איך מוז זען היטן און האלטן הייליק די ירושה פון אונזערע אבות.

אָבער דעם געדאנק דארפן מיר אלע גוט באַטראכטן. אויב מיר ווילן נאָך לענגער עקזיסטירן אלס א זעלבסטשטענדיק פאָלק, אויב מיר ווילן נאָך ווייטער אָנהאלטן די טייערע לערע פון אונ־זער תורה טאָרן מיר ניט פארגעסן אָן דעם עיקר, די „כרובים“, די קינדער, דעם יונגערן דור.

גאָט אליין האָט גערעדט צו משה׳ן מבין הכרובים. גאָטס שטימע קען נאָר געהערט ווערן דורך די קינדער, ווען זיי לערנען תורה. זאָל דער ניגון פון דער תורה געהערט ווערן אין יעדער שול, זאָל דער קלאנג פון דער העברעאישער שפּראך קלינגען אין מויל פון יעדעם קינד. זאָל די אידישע היסטאָריע האָבן א ווידער־רוף אין יעדעם אידיש הארץ, נאָר דאמאָלט וועלן מיר קאָנען זיין פארזיכערט מיט אונזער צוקונפט.

עס שטייט ווייטער אין דער היינטיקער סדרה: „את הכרובים תעשה זהב“ — אז מיר מוזן זיך לאָזן קאָסטן גאָלד און זילבער פאר די כרובים פאר אונזערע קליינע מלאכים׳לאך. מיר מוזן שטיצן אונזערע לערע־אנשטאלטן. ניט נאָר איינצעלנע דארפן געבן, נאָר אלע דארפן באַשטייערן ווי אמאָל צום משכן, אָדער להבדיל ווי היינט צו די פּאָבליק סקולס, מען זאָל ניט דארפן שרייען, אז דער עולם גיט ניט! נאָר מיר זאָלן קענען

זאָגן, „מרבים העם להביא״, אז מען גיט שוין צופיל סיי פאר דערציאונג פון אָרימע קינדער, סיי פאר די רייכע.

איך בין איבערצייגט, אז מיינע ליבע און איבערגעבענע עלטערן האָבן קיין חרטה ניט, וואס זיי האָבן מיך געלערנט פון קליינערהייט אָן, סיי זומער, סיי ווינטער, סיי ימים טובים, סיי שבתים, סיי פון נאָענטע און סיי פון ווייטע שטרעקעס. זיי האָבן קיין פארדראָס, ווייל זיי האבן ניט געוואָלט זיך פארשעמען מיט אַ קינד אַן עם־הארץ און איך פון מיין זייט, קאָן זיי ניט גענוג באַ־דאנקען. אבער אין הקמיץ משביע את הארי — איין שוואלב קאָן קיין זומער ניט מאכן. ווען אלע טאַטעס און מאַמעס וואָלטן גענומען דעם נאָבעלן ביישפיל פון מיינע ליבע עלטערן און געבן זייערע קינדער א גוטע אידישע דערציאונג, וואָלטן מיר געקענט האָפן, דאָס דער גרויסער קוואל פון תורה און חכמה וועט אויף ווייטער אויך ניט פארגעסן ווערן, ולא תשתכח תורה בישראל, אמן ואמן.

פקודי

חשוב׳ע צוהערער:

ואלה פקודי המשכן. נאָך א לאנג־יאָריקע אַרבעט, ביי וועלכער יעדעס פרייוויליק הארץ האָט געבראכט בלויע וואָל און פורפור וואָל, רויטע פאָדים און תחשים פעל, און אלע קלוג הארציקע מענטשן וועמען גאָט האָט מיט חכמה און קונסט באַשאָנקן, האָבן די הייליקע ארבעט געטאָן, כאשר צוה ה׳ את משה — אלץ ווי גאָט האָט געבאָטן איז דער משכן און אלע זיינע כלים פארטיק געוואָרן.

שיין, פול מיט פראכט, באַוועגן זיך די יריעות. די שוועלן די זילבערנע, און גארטלען פון די זיילן, לייכטן און שיינען. דער ארון און די כרובים, דער שלחן הזהב, די מנורה מיט אירע בלומען און קנעפּ, די גאָלדענע און קופּערנע מזבחות, שטייען און בלישטשען. אלץ איז ריכטיק, ויביאו אל משה, — און אלץ איז געבראכט געוואָרן צו משה׳ן, צו דעם גרויסן פירער.

משה שטייט און באטראכט מיט צופרידנהייט די געמיינשאַפטלאכע אַרבעט. עס איז איצט געשאַפן געוואָרן די נאַטירלאכע שטאָף וואס זאל צוזאמענשמעלצן די צעשפרייטע שבטים אין איין נאציאָנאלן קערפּער. אין מצרים ווי אין גלות, זיינען זיי ניט געווען אינערלאך פאראייניקט. יעדער איז א חונה לשבטיו, האלט זיך נאָר בּאַ דאָס זייניקע.

איצט אָבער זיינען זיי צוזאמענגעבונדן דורך דעם אינערלאכן דרוק, דורך די אלגעמיינע צרות. דער משכן איז דער גייסטיקער צעמענט, וועלכער פאראייניקט די אלע פרעמדע, אָפּ־

געזונדערטע, שבטים גייסטיק אלס ברידער, אלס קינדער פון איין גאָט, איין תורה, איינע און די זעלבע געזעצן, איין אַרט לעבן, איין משכן. און אין דעם דאָזיקן משכן רוט עם די געטלאַכקייט. וכבוד ה׳ מלא את המשכן — די שכינה רוט נאָר דאָרט, וואו איי־ניקייט איז דאָ.

איך ווער היינט בר מצוה, און שטייענדיק אויפ׳ן שוועל פון דעם פערצנטן יאָר; ווען איך טרעט פאר דעם ערשטן מאָל ארוים אויף מיין אייגענער פאראנטוואָרטלאַכקייט, אלס זעלבסטשטענ־דיקער מענטש, ווען איך הויב אָן מיין רייזע אין דעם ווילדן גרוי־זאמען מדבר פון לעבן, וועל איך דעם ענן, דעם וואָלקן פון מיינע קינדערשע פעלערן, שלעכטע געוואוינהייטן און נארישע מעשים אראָפּנעמען.

ווי עס שטייט אין פסוק: „וכהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם". דאמאָלט ערשט האָב איך, אז איך וועל קענען אָנגיין אומגעשטערט מיט מיין רייזע, אויסצופירן מיינע שטרעבונגען. ואש תהיה לילה — און דער געטלאַכער פייער וועט זיין מיט מיר אין דעם פינסטערן וועג. שטאָלץ וועל איך זיין מיט מיין אידישקייט. איך וועל פאר דעם קעמפן און עס באשיצן.

איך דאנק אייך, ליבע און געטרייע עלטערן, פאר דאָס גוטע וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן. איצט פיל איך מער ווי אלעמאָל די שוועריקייטן, די פילע ליידן, ארבעט און ערגערניש, וואָס איך האָב אייך פארשאפט. מיין הארץ איז פול מיט חרטה. איך שעם זיך פאר מיינע אייגענע פעלערן. ניט ווילנדיק האָב איך זיי בא־גאנגען, — כי יצר לב האדם רע מנעריו — ווארום די מחשבות פונ׳ם מענטשן זיינען שלעכט פון זיין יוגנט.

איר אבער האָט מיך געשיקט אין חדר, וואו איך האָב גע־

לערנט צו פארשטיין און אָפּשאצן אייער אומערמידלאכע אר־בעט און די גרויסע וויכטיקייט פון אונזער רעליגיע און תורה. דאָרט איז אין מיר איינגעפלאנצט געוואָרן א ליבע צו אונזער נאַציע און גלויבן.

ניט מיט ווערטער נאָר מיט מעשים וויל איך אייך דאפיר קאָנען באצאָלן. דארום זייט ניט פארצווייפלט, האָט מוט און האלט אָן די האָפענונג.

חזק, חזק ונתחזק!

ו י ק ר א

פריינט און פארזאמלטע:

דער דריטער טייל פונ׳ם חמש, ויקרא, הויבט זיך אָן אין א שטילן טאָן, מיט א קליינעם אלף׳ל, פארבאָרגן, מיסטיש, אָנדייטנדיק, ניט דייטלאך. מיר דוכט, אז עס פעלט די דרייסטקייט און שטארקייט מיט וועלכער אלע איבעריקע מצוות זיינען אנגעזאָגט געוואָרן.

און דוקא דארין זע איך א גוטע כונה, א שיינע מידה, א וויכטיקער טעם, אין וועלכן מיר דארפן זיך גוט אריינלעבן.

דער ספר ויקרא האָט צו טאָן מיט קרבנות; א קרבן חטאת, אַ קרבן אשם, א קרבן עולה און אנדערע קרבנות, און דער זין דערפון איז אַז א קרבן דארף מען ברענגען מיט געפיל, מיט אינערלאכן ווייטאָג, שטיל און באשיידן, אָן עפנטלאכע דעדעמאָנסטראציעס, אָן רעש און אָן טומל.

איז עס א קרבן חטאת דארף עס זיין מיט האַרציקער חרטה, מיט אמת׳ער תשובה. איז עס א קרבן עולה, א מתנה צו גאָט, דאַרף עס זיין מיט אינווייניקסטער פרייד, מיט א געפיל פון פליכט. און געטאָן ווערן דארף עס אידישלאך, שטיל, באשיידן, אָן פערזאנלאכע כונות, בסתר, און מיט מסירת נפש.

אין די אלע דורות פון אידישן לעבן, האָט דאָס פאָלק אָפגעהיטן אָט די דאָזיקע באשיידנקייט. אונזער צדקה געבן האָט געדינט אלס מוסטער און באוואונדערונג פאר אלע אונזערע שונאים. אלע האָבן זיי געמוזט בויגן דעם קאָפּ פאר אונזערע

מידות, פאר אונזער צניעות, פאר אונזער וויליגקייט צו העלפן איינער דעם אנדערן.

דער פאקט איז אז דער ענין קרבנות איז אזוי אלט ווי בריאת העולם. מיר ווייסן, אז אָדם הראשון האָט מקריב געווען קרבנות, אז קין והבל, נח, אברהם, יצחק האָבן דאָס געטאָן. אפילו אנדערע ביבלישע פעלקער האָבן געהאט קרבנות, ווי בלעם הרשע, וועלכער האָט געזוכט דעם כח הנבואה, צו קענען מיט דעם שעדיקן די אידן. אָבער דאָ ליגט דער אונטערשיד צווישן אונז און די אומות העולם. מיר האָבן פון די קרבנות געלערנט גוטע מידות — זיי בלוט צו פארגיסן. אויב זייער רע־ליגיע לערנט זיי יאָ גוטע מידות, איז עס ניט ארייגעפלאנצט אינ׳ם אקטועלן לעבן, ווייל מיר זעען אז זיי זיינען תמיד איינ־געזונקען אין בלוט, אינ׳ם בלוט פון אייגענע, מלחמות און רציחות, און וואס איז נאָך ערגער, אינ׳ם בלוט פון מיליאָנען און מיליאָנען אידן, וועלכע זיינען געפאלן קרבנות פון דער בלומרשטיקער ליבע צו מענטשן. ביי אונז א קרבן, הייסט דער־נענטערונג, התקרבות צום הימל, געטלאכע שאפונג, און ניט ברוטאלישער פארברעכן.

היינט, פריינט, איז מיין אויפרוף. היינט ווערט פון מיר געפאָדערט, אז איך זאל קומען אין איצטיקן אוהל מועד, און ארויסווייזן מיין דאנקבארקייט צו גאָט און צו מיינע ליבע על־טערן פאר מיין געזונט, פאר מיין דערציאונג, פאר דעם אלעם גוטן וואס איך האָב ביז איצט דערוואָרבן און פאר די פרייהייט, וואָס ווערט מיר אלס בר־מצוה קינד געגעבן. דאריבער פיל איך שטאָלץ דאמיט וואס מיינע ליבע עלטערן האָבן אָפגעהיט אָט די טייערע אידישע מידה וואס ווערט אָנגעדייטעט אין דער היינ־טיקער סדרה. מיט גרוים באשיידנקייט האָבן זיי געבראכט קרבנות; מיט הארציקער פרייד האָבן זיי אריבערגעטראָגן אלע

שווערע מינוטן איידער זיי האָבן מיך דערצויגן צו זיין דער איד וואָס איך בין. ניט לייכט איז עס זיי אָנגעקומען, און דאָך האָבן זיי מיט הארציקייט געשפּינען און געוועבט א אידיש לעבן, וואס האָט ארומגעכאפּט מיין גאנצן וועזן.

מיינע עלטערן האָבן ניט געזוכט קיין פּערזענלאכע פאר־דינסטן אין זייערע נאָבעלע האנדלונגען, דאָך וועל איך זען זיי דערפאר צו באלוינען, און דעם בעסטן שכר וואָס איך קאָן זיי געבן, איז מיין הייליק פארשפּרעכן איבערצונעמען זייערע גוטע מדות און צו זיין א טרייער איד, איבערגעבן צו אלע אונ־זערע הייליגקייטן און טראַדיציעס.

איך האָף אז מיינע עלטערן וועלן נאָך לאנג, גאנץ לאנג לעבן צו זען מיך, זייער קינד, נאָכפאָלגן זייער וועג פון ליבע, גוטסקייט און יושר, אָמן.

צו

ליבע עלטערן און חשוב׳ע פארזאמלטע!

ווי זעלטן גוט עס פאסן זיך די ווערטער פון דער היינטיקער סדרה צו מיין דרייצן־יאָריקן געבורטסטאָג — דעם טאָג, אין וועלכן מיינע רעליגיעזע פליכטן הויבן זיך אָן.

„צו את אהרן ואת בניו", פארזאָג! א קורצער באפעל, אבער א שטרענגער.

„צו" איז דער תוך און יסוד, דער „צ" און „ו" פון בר מצוה. דאָס זיינען די באפעלן, וואס ווערן אויף מיר איצט ארויפגעלייגט און וועלכע איך וועל מוזן ערלאך דורכפירן.

תורת קרבנות — ווי אזוי מקריב צו זיין קרבנות, אָט דאָס וועל איך, בר־מצוה בחור, איצט אָנהויבן צו לערנען.

אַ בר־מצוה דארף און מוז וויסן ווי אזוי צו ברייננען קרבנות. קרבנות פאר זיינע עלטערן און קרבנות פאר זיין פאָלק; קרבנות פאר זיין רעליגיע און קרבנות פאר זיין לאנד.

ניט בלומען נאָר דערנער ליגן אויסגעשפרייט אויפ׳ן וועג אין וועלכן א אידיש קינד אין גלות מוז גיין.

פילע שטרויכלונגען ליגן אים אונטער זיינע פיס און ער מוז קרבנות ברייננען אויף יעדן שריט און טריט.

זאת תורת זבח השלמים — אָט דאָס זיינען די דינים וועגן פרידנס שלאכטונגען, וזאת תורת האשם — און אָט דאָס איז די לערע וועגן שולד־אָפּפער. מנחות און עולות מוז ער שטענדיק ברענגען, כדי דער אש תמיד תוקד על המזבח — דאָס פייער אויפ׳ן מזבח זאל אויפגעהאלטן ווערן און תמיד ברענען.

אָבער ניט אַלע קרבנות זיינען לרצון. מען קען ניט און מען טאָר ניט אַלץ באַנוצן פאַר א קרבן. ניט נאָר מוז דער צוועק זיין א הייליקער, נאָר אויך די מיטלען.

איך וועל דעריבער איצט, דאָ אויף דער בימה, א קרבן תודה, א דאנק־אָפּפערונג און שטילע תפלה ברענגען צו דעם בורא עולם פאַר דעם גוטן וואס ער האָט געטאָן מיט מיר און מיר געגעבן אַזעלכע ליבע און געטרייע עלטערן, וואס האָבן אויף מיר תמיד אויפגעפּאַסט ווי גוטע מלאכים.

ליבע עלטערן, איך אַליין דאנק אייך אויך פאַר די פילע קרבנות וואס איר האָט פאַר מיר געבראַכט. די שלאָפלאָזע נעכט און פאַרזאָרגטע טעג וואס איך האָב אייך פאַרשאַפט, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אַזוי ווי עס איז אייך, ליבע עלטערן, קיין זאך ניט געווען צו שווער צו טאָן פאַר מיינטוועגן, אַזוי וועל איך זען פון היינט אָן און ווייטער אייך פאַרשאַפן פרייד און פאַרגעניגן מיט מיינע קרבנות וואס איך וועל ברענגען לרצון, צו אייער צו־פרידנהייט.

איך וועל זען צו היטן דעם פאַרזאָג, די הויכע געדאנקען, די שיינע מאָראַלישע לערע וואָס איר ליבע עלטערן און געטרייע לערער האָבן מיר פאַרזאָגט.

שמע נא ד׳ את תפלת צעירי עמך בית ישראל, שמרם, ברכם, טהרם, רחמם, צדקתך תמיד גמלם — אָ, גאָט! הער זיך צו צו די תפלה פון דיינע יונגע קינדער, היט זיי, בענטש זיי, רייניק זיי, האָב אויף זיי רחמנות, באַצאָל זיי מיט דיין גערעכ־טיגקייט, שיק גליק און פרייד צו מיינע ליבע עלטערן, צו אַלע פריינט און פאַרזאַמלטע. אמן.

שמיני

ויהי ביום השמיני, קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל — און עס איז געווען אויפ׳ן אכטן טאָג, האָט משה גערופן אהרן׳ען און זיינע זין און די עלטסטע פון ישראל. ויאמר אל אהרן — און ער האָט געזאָגט צו אהרן׳ען — קח לך עגל בן בקר לחטאת — נעם דיר א קאלב, א יונגן רינד, פאר א זינד אָפּפערונג מקריב צו זיין צו גאָט. ואל בני ישראל תדבר לאמר — און צו דעם איבעריקן פון פאלק זאָלסטו זאָגן: קחו שעיר עזים לחטאת — נעמט אייך א ציגעלע פאר זינד אָפּפערונג.

ליבע עלטערן און פריינט:

ווי מיר ווייסן האבן דעם משכן אלע גלייך געבויט. דאָס גאנצע פאָלק האָט אנטייל גענומען אין דער ארבעט און ניט גע־מאכט קיין אונטערשיד פון איינעם צום צווייטן. ווען עס איז אָבער געקומען קרבנות צו ברענגען, דאמאָלט איז שוין געמאכט געוואָרן אן אויסנאם מיט אהרן׳ען. משה האָט אים דייטלאך פארזאָגט צו ברייגגען אן אנדער קרבן ווי דאָס גאנצע פאָלק. ער איז געווען דער איינציקער וואס האָט גענדארפט ברייגגען אן „עגל בן בקר לחטאת".

אין דעם, פריינט, איז פארבונדען זייער א טיפער געדאנק. מיר ווייסן אז אהרן האָט אין זיין פריסטער יוגנט זיך פארזינ־דיקט מיט׳ן עגל הזהב, וואס ער האָט געמאכט פאר׳ן דור המדבר. דאריבער ווען די צייט אין זיין לעבן איז געקומען, אז ער האָט גענדארפט אָפיציעל אריינטרעטן אין א נייער פעריאָדע אלס כהן גדול ביים פאָלק, איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן אפריער זיך ריינצוואוואשן פון זיינע אלטע פעלערן און חטאים, און דאָס דוקא מיט דעם זעלבן עגל מיט וועלכן ער האָט זיך פארזינדיקט.

משה האָט פארלאנגט דאָס ער זאל עפנטלאך זיינע פעלערן אנערקענען.

יאָ, ליבע פריינט, ניט גרינג איז דער איבערגאנג פון איין פעריאָד צום צווייטן. עס מיינט א גענצלאכע אויפגעבונג פון אלטע וועגן און געוואוינהייטן; עס מיינט א ריינוואשונג פון אלטע פעלערן און זינד. מען מוז קרבנות ברייננגען, עס מעג אפילו ווי טאָן, דאָס הארץ מוז אבער געלייטערט ווערן און די נשמה געריייניקט.

אָט אזא אָפפערונג פאָדערט דער איצטיקער מאָמענט פון מיר. היינט צו טאָג ווען איך גיי אריבער פון קינדהייט אין יוגנט, פון אומפאראנטוואָרטלאכקייט צו פאראנטוואָרטלאכקייט, מוז איך זיך ריינוואשן פון די שטיפערייען און נארישקייטן פון מיין יוגנט, פון מיינע אלטע איינגעזעסענע פעלערן, און בעטן פאר־צייאונג פון אייך, ליבע עלטערן און טייערע פריינט.

איך וועל דאריבער פון איצט אָן און וויטער טראָגן די היי־ליקע תפילין מיט די רצועות פון של ראש און של יד, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן פון די פעל פון עגל, און אזוי ארום ברייננגען מיין קרבן צו גאָט אין דער איבערגאנגס־פעריאָדע. די תפילין וועלן מיר דינען אלס דערמאָנונג וועגן אהרן׳ס קרבן און אויך וועגן מיינע פליכטן אלס בר־מצוה. די זיבן כריכות, וועלכע איך וויקל ארום מיין לינקער האנט, וועלן מיך דערמאנענ אָן די זיבן הזיות וואָס פלעגן געמאכט ווערן ביים כהן ווען ער האָט זיין קרבן געבראכט. דורכדעם וועל איך יעדן טאָג דענקען וועגן מיינע פאראנטוואָרטלאכקייטן צו מיינע ליבע עלטערן און צו מיין גאָט.

ליבע עלטערן, איך פארהאָף אייך צו פארשאפן דעם גרויסן פארגעניגן וואס איר דערווארטעט פון מיר און זיין געהאָרכזאם, אָרנטלאך און א גוטער זון פון דעם אידישן פאָלק. אמן.

תזריע

ליבע עלטערן און פריינט:

אין דער סדרה וואס מיר האָבן היינט געלייענט, ווערט דער־ציילט וועגן געוויסע קראנקהייטן און ווי אזוי זיך מיט זיי צו באגיין. דאָרטן ווערט אויך געבראכט וועגן קראנקהייטן וועל־כע קענען זיך געפינען אין א בגד אָדער אויף א וואנט. והבגד כי יהיה בו נגע צרעת — און אז די פּלאָג פון צרעת וועט זיין אין א בגד, אָדער הנגע בקירות הבית — דער אויסשלאָג איז אין די ווענט פון הויז.

א מענשלאכע קראנקהייט איז א געוויינטלאכע זאך און עס איז לייכט צו פארשטיין, דערפאר אבער איז אומפארשטענדלאך די קראנקהייט וואס א הויז אָדער א בגד קען האָבן. האָט איר אמאָל געזען א דאָקטאר קורירן א בגד אָדער א וואנט? זייט איר באקאנט מיט מעדעצינען וואָס היילן הייזער אָדער קליי־דער? עס קלינגט גאָר לעכערלאך צו רעדן וועגן אזעלכע זאכן, ווייל מיר ווייסן ניט פון איין פאל אוואו מען האָט געבראכט א קלייד אָדער א וואנט צו קורירן אין א האָספּיטאל, און דאָך האָט די תורה וועגן דעם פארנומען א סך אָרט. עס איז קיין שום צווייפל ניט אז אין די ווערטער ליגט א פיל טיפערער געדאנק און זין.

די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט, אז די דינים וועגן נגע צרעת אין א בגד אָדער אין א הויז וועלן דארפן אָפּגעהיט ווערן ערשט ווען די אידן וועלן קומען נאָך ארץ כנען. אָבער דורך דער פער־ציק־יאָריקער וואנדערונג אין מדבר האָבן זיי זיך וועגן דעם ניט

באַדאַרפט צו זאָרגן. אזוי לאנג ווי דאָס פאָלק איז געווען אין מדבר, האָט מען פאר אזעלכע מגפות ניט מורא געהאט, ווייל דאָרט זיינען די אידן געווען אליין, פאר זיך, אָן דעם געמיש פון פרעמדע פעלקער. אבער מען האָט יאָ מורא געהאט, אז ווען דאָס פאָלק ישראל וועט שוין אריינקומען אין לאנד כנען און וועט זיך אָנהויבן צו מישן מיט פרעמדע פעלקער, וועלן זיי באַאיינפלוסט ווערן פון פרעמדע קולטורן און רעליגיעס, אזוי אז די אידישע הייזער און אידישע זיטן וועלן ווערן אינגאנצן פארפרעמדט.

אַ נגע צרעת בבית איז א הויז וואו עס פעלט די אידישע אַטמאָספערע: די מזוזה ביי דער טיר, די ליכט און חלות ביים באַפוצטן שבת און יום־טוב־טיש. אַ הויז וואו עס איז ניטאָ דער אונטערשיד צווישן פליישיק און מילכיק, כשר און טרפה, שבת און יום־טוב, וואָס די אידישע מאמע האָט דורות לאנג אָפּגעהיט; א הויז פון רכילות און אומבארעמהערציקייט, וואו מען גיט ניט קיין צדקה, און מען שטיצט ניט קיין שטאָטישע אנשטאַלטן. אָט אזא הויז איז אָנגעשטעקט מיט א קראנקהייט און מיר זיינען פארזאָגט געוואָרן עס צו היילן און קורירן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט בגדים, קליידער פון גאוה און גרויסהאלטונג, קליידער וואס אילוסטרירן אונזער יאָגן זיך נאָך גייסטיקע מלבושים פון פרעמדע פעלקער, קליידער וואס ווייזן אונזער נאָכטאָן די מנהגים און געוואוינהייטן פון די אומות העולם, ווייסנדיק אונזערע אייגענע שיינע מידות און טראַדיציעס. אָט אזעלכע קראנקהייטן זיינען זייער אָנשטעקענדיק און די באַוואוסטזיניקע אידישע געזעלשאפט דארף זיך דערפון היטן.

אין מדבר וואו די אידן זיינען געווען פאר זיך אליין, האָבן זיי ניט געהאט פון וועמען צו לערנען שלעכטע זיטן, ווי באלד זיי האָבן אבער אריבערגעטראָטן דעם שוועל פון כנען און זיך

דורכגעמישט מיט׳ן כנעני, חבי, יבוסי האָבן זיי געגומען נאָכ־טאָן די מנהגים און וועגן פון די אלטע איינוואוינער, צו דינען דעם אָפּגאָט בעל, און פארגעסן אין דעם „א״ב״ פון אונזער רע־ליגיע, דעם „אנכי ה׳ אלהיך״.

עס איז שוין אזוי די נאטור פונ׳ם מענטשן נאָכצומאַכן איי־נער דעם צווייטן. איבערהויפּט האָבן ליב יונגע קינדער נאָכ־צוקרימען די גרויסע, און ווען קען א קינד בעסער נאָכמאכן ווי זיינע אייגענע עלטערן מיט וועמען ער פארברייגגט דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט? האָבן דען אונזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב ניט גע׳ירש׳נט איינע פון די אנדערע די גוטע מדות און איבערגעבנהייט צו גאָט? און אָט אזוי לערנט זיך יעדעס קינד די זיטן פון די עלטערן.

מיך פרייט איצט צו זאָגן, אז איך קום פון א הויז וואו אי־דישקייט ווערט אָנגעהאלטן כדין וכדת. מיינע ליבע עלטערן האָבן מיר אלעמאָל געגעבן א ביישפּיל פון גוטסקייט און איי־דעלן כאראקטער דורך זייער אייגענער האנדלונג מיט מענטשן. אונזער הויז איז א געזונטע, א לעבעדיקע; עס לעבט אין איר דער אידישער גייסט, די אידישע נשמה. אירע באוואוינער גיבן צדקה, שטיצן אידישע אנשטאלטן, און עס איז אמת א פארגע־ניגן צו פארשפּרעכן היינט זיי נאָכצוטאָן אין זייערע ארבעט.

מצורע

ליבע און פיל געשעצטע פריינט:

מיר לייענען היינט: כי תבאו אל ארץ כנען אשר אני נתן לכם לאחוזה, ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחזתכם — אז איר וועט קומען אין לאנד כנען וואס איך גיב אייך אלס אייגנטום, און כ׳וועל ברייננגען א פלאָג פון צרעת אין א הויז אינ׳ם לאנד פון אייער אייגנטום. ובא אשר לו הבית, והגיד לכהן — זאל קומען דער צו וועמען דאָס הויז געהערט און זאָל עס דערציילן דעם כהן.

ווען נגעים, רחמנא לצלן, קומען אויף א מענטשן, הויבן זיי זיך אָן פון הויז. איז ביי איינעם די הויז ניט ריין, ווערן די קליי־דער באשמוצט. זיינען די קליידער אומריין, ווערן די לייבער טמא. און אָט אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער, ביז עס עסט זיך איין טיף אין בלוט און אינ׳ם פלייש.

נגעי בתים האָבן עקזיסטירט בלויז אין ארץ ישראל — כי תבאו אל ארץ כנען, אבער אין חוץ לארץ, אין גלות, איז ניט שייך קיין נגעי בתים. דאָך אָבער, פריינט, אויב עס זיינען בטל געוואָרן אין גלות די אמאָליקע נגעים, האָט דער גלות אָבער גע־שאַפן נייע צרעת׳ן, פון וועלכע פילע היינטיקע הייזער ליידן זייער פיל. אָט, למשל, געפינען זיך עלטערן, טאַטעס און מאַ־מעס, אשר לו הבית, וועלכע האָבן געארבעט שווער און ביטער, געבויט א צוקונפט, זיך געוואָלט פארזאָרגן, פלוצלונג אין א פיינעם פרי־מאָרגן, ווען זיי קוקן זיך ארום אויף זייערע דער־

וואקסענע קינדער, מוזן זיי נעבעך, זאָגן: „כנגע נראה לי בבית“.

זייערע קינדער זיינען פארפרעמדט. די וועגן פון די עלטערן זיינען ניט די זעלבע ווי פונ׳ם קינד; דעם פאָטערס פרייד איז ניט די שמחה פון זיינע זין; ווען די מוטער האָט הנאה, איז ניטאָ דאָס זעלבע געפיל ביי די טאָכטער.

די סדרה גיט אבער א זייער ווירקזאמען מיטל, ווי פטור צו ווערן פון אזא נגע. ובא אשר לו הבית והגיד לכהן, דער איינ־ציקער וועג ווי אזוי צו האנדלען אין אזא פאל איז, והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים — זאָל ער געבראכט ווערן צו אהרן׳ען דעם כהן אָדער צו איינעם פון זיינע קינדער די כהנים. מען מוז אָט די קינדער אַ אידישע דערציאונג געבן. מען דארף זיי אין חדר אריינפירן, צו אונזערע כהנים, צו אונ־זערע לערער און דערציער. ורחץ במים וטהר — ווען מען וועט פון זיי די אומוויסנהייט אָפוואשן; ווען מען וועט זיי דערקלערן די גרויסקייט פון אונזער פאָלק; ווען זיי וועלן זיך באַקענען מיט אונזער רייכער געשיכטע, מיט די שיינקייט פון אונזער תורה, מיט דער פילאָזאָפיע פון אונזער לעבן; דאמאָלט וועלן זיי מער ניט דארפן שטיין מחוץ למחנה, דאמאָלט וועלן זיי פאר־שטיין און אָפשאצן די טעגלאכע האנדלונגען פון זייערע על־טערן.

ליבע און געטרייע עלטערן! שטייענדיק אויף דער במה, אין דעם טאָג פון מיין בר־מצוה, קאָן איך ניט געפינען גענוג ווער־טער אויסצודריקן מיינע געפילן פון דאנקבארקייט צו אייך פאר דעם גוטן וואס איר האָט מיר געטאָן, באזאָנדערס פאר דער אי־דישער דערציאונג וואס איר האָט מיר געגעבן. איר האָט מיך אָנגעטרונקען פון באר מים חיים — פון דעם גרויסן לעבנס קוואל דורך וועלכן איך האָב געלערנט אייך צו פארשטיין און שעצן.

אונזער הויז, אין וועלכער איר האָט מיך דערצויגן, איז א דאנק גאָט, א געזונטע. איר האָט תמיד אָנגעהאלטן די נאָבעלע מדה פון צדקה, העלפן די ליידנדע, אונטערשטיצן דעם געפא־לענעם, און איך האָף נאָכצופאָלגן אייערע גוטע מעשים, וואָס איך האָב אין אונזער היים געלערנט. איך האָף צו גאָט אז איך וועל קענען פלעכטן א קרוין פון מיינע גוטע מעשים, צו באצירן אייער מידן קאָפּ. כן יתן ה׳ וכן יוסיף, אמן ואמן.

אחרי מות

פריינדע:

ווען מיר לייענען די טראַגעדיע פון אהרנ׳ס צוויי זין, נדב ואביהוא, און ווען מיר דערפילן דעם גרויסן פארלוסט וואָס אהרן האָט געליטן, ווערן מיר באראשט פון משה׳ס ווערטער מיט וועלכע ער האָט געטרייסט אהרנ׳ען און זיינע זין אלעזר ואיתמר: ראשיכם אל תפרעו ובגדיכם לא תפרומו, כל בית ישראל יבכו, — זאָל אהרן ניט וויינען, זאָלן אלעזר ואיתמר זייערע האָר ניט רייסן, זייערע קליידער ניט פליקן, נאָר די בני ישראל זאָלן וויינען.

איך גלויב, אז דעם פאָטערס ווייטאָג איז פיל גרעסער ווי דער פונ׳ם פאָלק, און, דעריבער, האבן משה׳ס ווערטער גע־דארפט זיין גראדע פארקערט, אז דער פאָטער זאָל מער טרוי־ערן איידער דאָס פאלק. נאָר דאָ, פריינט, מוזן מיר אביסל מער פאַרשטיין וועגן די צוויי פארשטארבענע, נדב ואביהוא, זיינען געווען.

די צוויי זיינען ניט געווען קיין צעלאָזענע, אומגעהאָרכזא־מע קינדער; זיי זיינען ניט פארעכנט אלס רעוואָלוציאָנערן וואס ווילן איבערראנדערשן דעם גלויבן אָדער ארונטערזעצן די פירער ווי די בני קרח, אויך זיינען זיי ניט געווען קיין גרויסהאלטער און כבוד־זוכער. טראָץ דעם וואס עס זיינען דאָ דעות, אז זיי האָבן געהאָפט צו פארנעמען די שטעלעס פון משה און אהרנ׳ען, איז עס מער ניט ווי אן השערה אָדער סברה, אבער ווי ווייט מיר

וויסן, זיינען זיי געווען אָרנטלאכע, איבערגעבענע קינדער צו די עלטערן און צום פאָלק.

עס איז קיין צווייפל ביי קיינעם, אז נדב ואביהוא וואָלטן פארבליבן כהנים, אויב דער טויט וואָלט זיי פריציייטיק ניט אוועקגענומען. דאריבער זיינען מיר מיט דער מיינונג, אז אַן אומגליקלאכער צופאל האָט פאסירט אלס א רעזולטאַט פון נוצנדיק אַן „אש זרה", און צוליב דעם זיינען זיי, נעבאך, גע־פאלן מארטירער פאר דעם עם ישראל. ווען מיר זאָלן די דאָזיקע מיינונג אָננעמען, איז זעלבסטפאַרשטענדלאך, אז דאס גאנצע פאָלק דארף דעם פארלוסט באוויינען, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע אידעאליסטן, נאָכפאָרשער נאָך הייליקע געדאנקען. אָבער וואס איז נוגע די עלטערן, דארפן זיי זיין צופרידן, אז זיי־ערע קינדער זיינען געווען אזעלכע טייערע און געפאלן קרבנות אויפ'ן מזבח פון הייליקטום.

ליבע און טייערע עלטערן, איך גיי איצט אריין אין א בונד מיט דעם אידנטום; איך שליס מיך אָן אלס פאָלקאָמער מיטגליד און וועל פון איצט אָן דארפן ברייגגען קרבנות פאר די בני ישראל. דער מאָמענט איז מיר זייער טייער און הייליק. עס ברענגט מיך אריין אין א זייער ערנסטער שטימונג. איך דארף מיך איצט ריינוואשן פון אלע פעלערן און זינד, וועלכע איך האָב אין מיינע קינדערשע יאָרן באגאנגען. אויב איך האָב אייך ווען געערגערט אָדער פארשאפט שמערצן, בעט איך אייך, פארגיט עס מיר היינט. וויינט ניט איבער די פעלערן וואס איך בין ווען עס איז באגאנגען, נאָר אין גוטן מוט און מיט פיל פרייד גיט מיך איצט איבער צו דעם עם ישראל אלס א מיטגליד. איר דאַרפט זיין שטאָלץ דאמיט וואס אייער קינד איז געגאנגען אין א חדר און געלערנט אידישקייט. וויינען זאָלן יענע עלטערן וועמענס קינדער עס וואלגערן זיך ארום אין די גאסן, פארנעמען

די צייט אין אלע נארישקייטן און ווייכן פון חדר. יענע ווייסן גאָר ניט פון זייער גלויבן און פאָלק. אָט אויף זיי דארף מען טרויערן. אָבער מיר, וועלכע לערנען און שטודירן די אידישע און הייליקע למודים, זיינען פריי פון אזעלכע באשולדיגונגען. אויף אונז דארף מען קיין פעלערן ניט זוכן, נאָר מען דארף זען אז מיר זאָלן קענען פאָרטזעצן אונזערע למודים אויך אויף ווייטער.

זאָל דאריבער גאָט שיקן זיין ברכה אין מיין בר־מצוה טאָג אויף אייך, ליבע עלטערן, אויף מיר און דעם כלל ישראל. זאָלן מיר אלע זיין באוואוסטזיניקע אידן און ארבעטן פאר דעם וואוילזיין פון פאָלק, אמן.

קדושים.

ליבע פריינט:

אַ וויכטיקע פראגע איז מיר ארויפגעשוואומען אויפ'ן גע־דאנק, ווען איך האב געלייענט די ווערטער פון דער היינטיקער סדרה: קדושים תהיו, כי קדוש אני ה', איש אמו ואביו תיראו — איר זאָלט זיין הייליק, ווייל איך גאָט בין הייליק; יעדער מענטש זאָל מורא האָבן פאר זיין מוטער און פאָטער.

וואָס פאר א צוזאמענבונד האָט דער ערשטער פסוק מיט'ן צווייטן? וואס פאר א שייכות האָט די מצוה פון זיין הייליק מיט דעם פארזאָג פון מורא צו האבן פאר די עלטערן? און נאָך עפּעס, ווארום דארף מען פריער מורא האָבן פאר דער מוטער און דערנאָך פאר'ן פאָטער, בפרט אז ביי דער מצוה פון אָפּגעבן כבוד, שטייט דאָך „כבד את אביך ואת אמיך". אפריער ערן דעם פאָטער און דערנאָך די מוטער?

נאָך א סך דענקען און פאָרשן מוז מען קומען צום פאָלגענ־דיקן באשלוס.

א דערוואקסענער מענטש, וואס איז ארויס פון די עלטערנס רשות, איז פאראנטוואָרטלאך פאר זיינע טאָטן נאָר צו גאָט אליין. א קינד אבער איז אין צווייען באשריינקט. אחוץ וואס ער טאָר ניט פארשוועכן גאָטס געבאָט, מוז ער דערצו פאָלגן אויך זיינע עלטערן. דאריבער איז פאראַן א לאָגישע פארבינדונג צווישן די צוויי אויבנדערמאָנטע פסוקים. דיביידע זאָצן זיי־נען געווענדעט דירעקט צו קינדער, זיי דערמיט צו דערקלערן די דאָפּלטע פליכט וואָס זיי טראָגן אויף זיך.

וואָס איז שייך מורא האָבן, און כבוד אָפּגעבן די עלטערן, ווייסן מיר אז די מוטער איז ד י געטלאכע קראפט, וואָס פּאַסט אויף טאָג־טעגלאך אויף אירע קליינע עופה׳לאך, זי זעט זיי אלע מאָל, זי גיט זיי עסן און טרינקען, גרייט צו זייערע קליי־דער און געלעגער, און פאַרברייט זיי אויך פאר׳ן חדר, דא־ריבער האָט זי אויך שווערקייטן אריבערצוטראָגן, און אויב די קינדער זאָלן פאר איר קיין מורא ניט האָבן, וואלט איר ארבעט געווען אומדערטרעגלאך. אָט צוליב דעם ווערט בפירוש אָנגע־זאָגט, זיך צו שרעקן אפריער פאר דער מוטער און דערנאָך פאר׳ן פאָטער, ווייל פאר׳ן פאָטער האָבן די קינדער סיי ווי סיי מורא.

אָבער וואס אמבאלאנגט כבוד, איז די נאַטור פון קינד פריער צו ערן דער מוטער. זיי זעען טאָג־טעגלאך איר שווערע אַרבעט, פארשטייען די קרבנות וואס זי ברייננגט פאר זיי און נישט ווילנדיק אנטוויקלט זיך דער געפיל פון ליבשאפט און ערע צו דער מוטער מער ווי צו דעם פאָטער. פאַרזאָגט אונז די תורה, אז אין דער פראגע פון כבוד שטייט דער פאָטער צום ערשט און ניט די מוטער.

אָבער ליבע עלטערן, איך זאָג צו אז איך וועל אייך תמיד ביידן ליבן, ביידן רעספעקטירן, פאר ביידע מורא האָבן, ביידן אָפּגעבן כבוד, ווייל איך דערמאָן מיך איצט, וואס איר ביידע האָט אין אייער לעבן פאר מיינטוועגן געליטן. וויפיל נעכט איר האָט ניט דערשלאָפן, וויפיל טעג ניט דערעסן. און כאָטש איך ווער איצט זעלבסטשטענדיק, א דערוואקסענער מענטש פון דרייצן יאָר, פונדעסטוועגן וועל איך היטן דעם גאנצן פסוק פון אָנפאנגם סדרה. איך וועל פארבלייבן הייליק צו גאָט און צו אייך, און פארבלייבן א גוטער איד און א געהאָרכזאמער זון. אָמן.

אמור

רבותי:

מיר האָבן נאָר וואס געלייענט אין דער היינטיקער סדרה ווי גאָט באפעלט משה'ן: אמר אל הכהנים ואמרת אליהם — גיי, זאָג צו די כהנים, די קינדער פון אהרן, און זאָלסט זיי אָנזאָגן אַזוי און אַזוי, ווי עס שטייט ווייטער אין דער סדרה.

וויל איך דאָ ניט איבער'חזר'ן דעם גאנצן באפעל וואס איז יעדן איינעם גוט באקאנט. מיין כונה איז דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף זייער א זעלטענעם געדאנק וואס דער גרויסער מפורש, רש"י הקדוש, ברענגט דערביי ארויס. א געדאנק, וואָס אויב נאָר ריכטיק פארשטאַנען, האָט ער זייער א גרויסע שייכות צו דער היינטיקער פייערונג ביי אונז דאָ.

רש"י פרעגט:

פארוואָס האָט עפּעס גאָט איבערגע'חזר'ט זיין באפעל און געזאָגט צוויי מאָל כמעט די זעלבע זאך: אמר ואמרת אליהם — זאָג צו די כהנים און דו זאָלסט זיי אָנזאָגן. אין אונזער תורה הקדושה געפינט זיך קיינמאָל ניט קיין איבריק וואָרט און אפילו ניט קיין איבריקער אות, און דאָ גאָר שטייט צוויי מאָל: זאָג און זאָלסט זיי זאָגן?

ענטפערט דארויף רש"י זייער קלוג:

אמר ואמרת, להזהיר הגדולים על הקטנים — צו וואָרענען די גרויסע וועגן די קלענערע, די עלטערן וועגן די קינדער, אזוי אַז איין דור זאל תמיד לערנען דעם צווייטן.

גאָט האָט עס בכיון באַטאָנט און אַקצענטירט, כדי קלאָר צו באַווייזן די וויכטיקייט פון איבערגעבן די מצוות פון עלטערן צו קינדער, פון איין דור צום צווייטן.

אונזער גייסטיקע ירושה, אונזער אמונה און שיינע מאָראַלישע זיטן, איז געבליבן מיט אונז לעבן בלויז דערפאַר וואס אידן האָבן תמיד פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דעם אמר ואמרת, דאָס אָנזאָגן און איבערגעבן איינער דעם אנדערן אונזערע מצוות.

ולמדתם את בניכם — און איר זאָלט לערנען אייערע קינדער, די עלטערע זאָלן לערנען די אינגערע, אַזוי פון דור צו דור, ביז אין די ווייטע אייביקייטן אַריין. אָט דאָס דאָזיקע איבערגעבן די אידייען פון אידישקייט, איז אפשר געווען די שטאַרקסטע וואָפן וואס האָט אונז באַשיצט אין די שווערע יאָרן פון פאַרפאָלגונג און רדיפות.

אין יעדן גלות, אין יעדן לאנד, אויף די חורבות פון אונזערע היימען, און אויפ׳ן וועג צום שייטער־הויפן, שטאַרבנדיק על קידוש השם, אָדער פאַלנדיק אין די פּאָגראָמען פון דער מאָדערנער צייט, האָט דער איד אַלץ מיט זיך מיטגעטראָגן דאָס תורה׳לע, דאָס בעסטע באַוואוסטזיין אין אַן איין און איינציקער גאָטהייט און דאָס איינגעבאָרענע געפיל פון אַ וועלט מיט יושר און טאָלעראַנץ.

איר, מיינע ליבע און טייערע עלטערן, האָט ווייטער געשפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונזער געשיכטע און מקיים געווען דעם ולמדתם את בניכם. איר האָט געניי באַגריפן די וויכטיקייט פון דעם אמר ואמרת, און זיך באמיט מיר איבערצוגעבן אָט דאָס וואס איר האָט גע׳ירשנ׳ט פון אייערע אור־עלטערן.

איך פארזיכער אייך דאָ היינט, מיינע ליבע עלטערן און געסט, אז איך וועל דעם אידישן פּאַדעם חלילה ניט איבער־רייסן. גאָטס וואונש איז אייער וואונש, און איך וועל זיך באַ־מיען עס מיט ערנסט און רעספּעקט דערפילן.

אזוי ווי מיין כונה איז א ריינע, אזוי וועט גאָט אייך האלטן ריין פון שלעכטס און אייך תמיד באשיינען מיט זיין גוטסקייט און חסד מיר זאָלן אלע פארברענגען אונזערע יאָרן אין פרייד און אין נחת, אמן.

בהר

חשוב'ע צוהערער:

מיר האָבן איצט געלייענט: „וידבר ד' אל משה בהר סיני". אז אויף דעם קליינעם בארג איז אָנגעזאָגט געוואָרן די גרעסטע מצוה. די קליינע סדרה וואס איז פאר אונז געלייענט געוואָרן ענטהאלט דעם ענטפער צו דער גרעסטער עקאָנאָמישער פראגע, צו וועלכער אונזער געזעלשאפט האָט נאָך ביז איצט ניט געפונען קיין גילטיקן ענטפער.

דער גרויסער קלאסנקאמף פון אונטערדריקער און אונטערדריקטע, הערן און שקלאפן, רייכע און אָרימע, וועלכער איז דער הויפט שטרייט־פונקט פון אלע ציוויליזירטע פעלקער, ווערט געענטפערט אין דער היינטיקער סדרה.

משפט אחד לכלם, — איין געזעץ פאר אלעמען, און דאָס איז ניט בלויז א שיינע פראזע אין אונזער תורה, נאָר עס איז אויך געווען א רעאלער פאקט אינ'ם לעבן פון אונזער פאָלק.

דער גרויסער געזעצגעבער משה רבינו האָט געוואוסט, דאָס וואָס פילע פון אונזערע פאָליטישע פירער פון היינט צו טאָג ווילן ניט וויסן. די וויכטיקייט פון א געזעץ איז ניט אין דעם וואָס דער געזעץ איז פארצייכנט אין גרויסע ביכער, ער מוז צום אלעם ערשטן קאָנען דורכגעפירט ווערן אין לעבן. עס דארפן געשאפן ווערן די מיטלען, די עקאָנאָמישע אומשטענדן, וועלכע זאָלן מעגלאך מאכן אז דאָס געזעץ זאל פארווירקלאכט ווערן.

לאָמיר באַטראַכטן ווי די תורה פּאַרהיט און זעט אויסצו־מיידן דעם גרויסן איבל פון קלאַסן, פון רייכע און אָרימע. זי גיט ניט אַ פּאַפּירענעם פּאַרזאָג, אַז „אָל מען אַר איקוועל" — אַלע מענטשן זיינען גלייך. אונזער תורה שאַפט פריער די מיטלען.

והארץ לא תמכר לצמיתות — דאָס לאַנד טאָר ניט פאַר־קויפט ווערן אויף אייביק, כי לי הארץ — דאָס לאַנד איז גאָט'ס אייגנטום. דאָס לאַנד ווערט צעטיילט דורך משה'ן צו אַלעמען גלייך. כדי אבער עס זאָל תמיד פאַרבלייבן אויף גלייך, ווערט געשאַפן דער הומאַנער געזעץ פון יובל, פון ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו — און איר זאָלט זיך אומ־קערן יעדער צו זיין לאַנד און זיין פאַמיליע.

אין דעם נאָבעלן געדאַנק פון יובל, ליגט דער תמצית פון אמת'ער גלייכהייט און פרייהייט. וקראתם דרור בארץ לכל יושביה — און איר זאָלט אויסרופן אַ פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוואוינער. ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק דאַרף אַן אויפשריפט אויף איר פרייהייטס־גלאָק, וועלכער געפינט זיך אין דעם אינדעפּענדענט האָל אין פילאַדעלפיע, גייט עס ניט זוכן בא אירע פּאָעטן, דיינקער און געזעץ־געבער, נאָר אין אונזער תורה, צו דער היינטיקער סדרה, צו דעם גרויסן סאָציאַלן פירער משה רבינו. און אין גאָלדענע ווערטער שרייבט זי אויף איר פרייהייטס־גלאָק, און קלינגט אויס אין דער הויך פון דעם פּסוק פון דער היינטיקער סדרה: וקראתם דרור בארץ לכל יושביה!

היינט, צו מיין בר־מצוה, ווען איך שטיי איצט פאַר אייך אַלס אַן אַנערקענטער פולשטענדיקער איד מיט אַלע גלייך, מיט פולע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן פאַר אַלע מיינע מעשים, קלינגט אין מיינע אויערן דער צווייטער טייל פון פּסוק: ושבתם איש

אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו, און איר זאָלט זיך אומ־קערן יעדער צו זיין לאנד און צו זיין פאמיליע. און איר זאָלט זיך אומקערן. יע! ליבע עלטערן און פריינט, וויט בין איך אַוועק, ווי אלע קינדער, אין שטיפערייען און נארישקייטן פון מיין יוגנט, אָבער איצט אלס א בר־מצוה, אלס אַ איד, איז ושבתם איש אל אחוזתו, דארף איך זיך אומקערן צו מיין פאָלק, ווערן אַן איבער־געגעבענער מענטש און איד. ואיש אל משפחתו תשובו — און אויך א געהאָרכזאמער זון דארף איך ווערן. און דאס מיינע ליבע עלטערן האָף איך צו טאָן. איך דאנק אייך פאר דעם אלעם, איך האָף צו פארדינען אייער איבערגעבנהייט, ליבע און צערטלאכ־קייט דורך מיינע מעשים אין דער צוקונפט און איך בעט גאָט, אַז ער זאל שיקן זיין ברכה אויף אונז אלע, מיר זאָלן זיין געזונט און גליקלאך, אמן ואמן.

בחוקותי

ליבע, געטרייע עלטערן און חשוב'ע פארזאמלטע:

אַלס א בר־מצוה שטיי איך איצט על פרשת דרכים, אויף דער שיידונג פון צוויי וועגן, פון קינדהייט און מענטשהייט, און איך דארף מיין אייגענע נייע ריכטונג אויסקלייבן. קומט די היינטיקע סדרה און שלאָגט פאר מיר פאָר צוויי וועגן: איינע פון „אם בחוקותי תלכו" און די צווייטע פון „אם בחוקותי תמאסו".

דער וועג פון „בחוקותי תלכו" איז מיר באַוואוסט דורך די דערקלערונגען פון מיינע ליבע עלטערן און לערער, אלס דער וועג פון ד' אחד, פון איין גאָטהייט, אויף וועלכן געדאנק אונזער רעליגיע איז באגרינדעט. דאָס איז דער דרך הישר, דער גלייכער וועג, פול מיט גערעכטיקייט, ליבע און מענטשלאכקייט.

דער צווייטער וועג פון „אם בחוקותי תמאסו", איז דער וועג פון געצנדינסט, אבערגלויבן, אומוויסנהייט און שלעכטע געוואוינהייטן. יעדער יחיד ווי יעדעם פאָלק, איז אָפּהענגיק אין די וועגן וועלכע ער קלויבט אוים. דערוויילט ער א גוטע ריכ־טונג, פירט עס אים צו זיכערקייט און דערפאָלג, קלויבט ער אוים אַ שלעכטע ווענדונג, ברענגט עס אים זינד און פארלוסטן.

ווי א פאָטער פארזאָגט זיין קינד, האָט דער געטלאכער פאָטער אונז געלערנט אין וועלכן וועג מיר זאָלן גיין. אַזוי גלייך ווי מיר זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיק, אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דעם אונטערדריקער פרעה מלך מצרים,

האָט גאָט אויסגעשריען צו דעם אידישן פאָלק: אנכי ה׳ אלהיך, ולא יהיה לך אלהים אחרים — איך בין אייער גאָט און איר זאָלט ניט וואגן דינען אנדערע געטער. אָט מיט דעם דאָזיקן, ערשטן פארזאָג, האָט גאָט אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פון דעם „בחוקותי תלכו“, וואס די פירער פון פאָלק האָבן תמיד גע־פרעדיקט.

משה רבינו, אונזער וועגווייזער און גייסטיקער פירער, האָט תמיד געוויזן צום פאָלק די שלעכטע פאָלגן וואס געצנדינעריי פאַראורזאכט. זיין גאנצן לעבן האָט ער געווידמעט צו לערנען דעם פאָלק מאָראַל און גוטע זיטן, און זיך צו האלטן אין די ראמען פון ה׳ אחד. זיינע לעצטע ווערטער צום עם ישראל זיי־נען געווען: דינט גאָט, דעם אלהים, און קריגט די ברכה; זאָנסט דינט איר די אָפּגעטער און ברייגגט אויף זיך די קללה.

יהושע בן נון, משה׳ס נאָכפאָלגער, האָט דאָס זעלביקע תמיד געפריידיקט. ער האָט דאָס פאָלק געוואָרנט, אויב איר דינט אנדערע געטער, ושב והרע לכם אחרי אשר היטיב לכם — וועט איר דערפון א סךליידן, און אזוי האָט טאַקע פיל מאָל פּאַסירט. אונזערע ריכטער, די שופטים, וואָס האָבן געפירט דאָס פאָלק נאָך יהושע׳ס טויט האָבן די ווערטער איבערגע׳חזר׳ט און אונז אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג, און אַזוי ווערן מיר דורך אונזער גאנצע געשיכטע געריכטעט אין דעם וועג פון בחוקותי תלכו.

היינט ווען איך ווער בר־מצוה און ווער באַצירט מיט די הייליקע תפילין, דערמאנען מיר די פרשות וואס געפינען זיך אינעווייניק אין די בתים, אָט דעם גרונט־געדאנק וואס לעבט אין דער טויזנט־יאָריקער עקזיסטענץ פון פאָלק: השמרו לכם פן יפתח לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים — היט אייך, דאָס אייער הארץ זאָל ניט פארפירט ווערן, און איר וועט זיך אָפּ־

קערן און דינען אנדערע געטער, איר זאָלט, חלילה, ניט פאַר־שמוצן אייער נשמה מיט די מנהגים פון די אומות העולם.

דערפאר מוז איך זיך איצט אָנשטריינגען צו זיין אן אמת'ער איד, און דערוויילן פאר מיין צוקונפט אָט דעם וועג וואָס אונזער תורה האָט אזויפיל מאָל אָנגעוויזן, איך האָף אז ווען איך וועל טאָן גוטעס, זיין געהאָרכזאם צו מיינע ליבע עלטערן, וועט עס מיך אויך פירן צו דערפאָלג אין אלע מיינע אונטערנעמונגען. איך וועל זיין א בענטשונג צו מיינע ליבע און געטרייע עלטערן וועלכע האָבן תמיד געהאָפט צו מאכן פון מיר א געהאָרכזאם קינד און א גוטער מיטגליד פון מיין פאָלק. יעדן טאָג וואס איך וועל אין די תפילין דאווגען, וועל איך אין זינען האָבן די לערע פון אונזער הייליקער תורה, און ברייגנען כבוד און גליק צו מיינע ליבע עלטערן, צו מיינע אלע פריינט און באקאנטע, און צום כלל ישראל, אמן ואמן.

במדבר

פריינט:

היינט האָבן מיר אָנגעהויבן צו לייענען במדבר. מיר זיינען געוואוינט אָנצורופן די חומשים, סדרות און תפלות לויט די ערשטע ווערטער פון פסוק, און דעריבער רופן מיר די היינטיקע סדרה במדבר. אין ענגליש אבער ווערט יעדעס ספר אָנגערופן לויט זיין אינהאלט, און אזוי ווערט דער היינטיקער ספר באַ־רעכטיקט באצייכנט אלס „נאָמבערס", וואָס מיינט ציילן, ווייל עס באהאנדלט פארשיידענע ציפערן און ציילונגען: שאו את ראש בני ישראל... פקד כל בכור זכר לבני ישראל... נשא את ראש בני קהת א. אַז. וו. רש"י באמערקט אויף דעם, מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה — אוים ליבשאפט צום אי־דישן פאָלק, ציילט זיי גאָט אזוי אָפט.

מיר ציילן דאס וואס איז אונז ליב און טייער. אונזער גאנצן לעבן גיבען מיר זיך אָפּ מיט ציילן. מיר ציילן געוויסע דורכ־לעבונגען: אכט טעג א ברית, דרייסיק טעג — א פדיון הבן, דרייצן יאָר א בר־מצוה, שמונה עשרה לחופה, א. אַז. וו. אבער ניט דאָס אליין הייסט ציילן. ציילן דארף מען וויסן ווי אזוי. ניט אומזיסט האָט דוד המלך געבעטן גאָט: למנות ימינו כן הודע — לערן אונז ציילן אונזערע טעג, ווי צו געברויכן אונזער צייט, ווי אמבעסטן צו דערפילן אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט. ווי מיר ווייסן זיינען אונזערע טעג געציילטע, היום קצר והמלאכה מרובה. די מינוט וואס גייט אוועק קומט שוין ניט צוריק, און אין דער קורצער צייט וואס מיר פארוויילן דאָ איז פאַראַן א סך

אויפצוטאָן. דעריבער איז שוין גאָר קיין לייכטע זאַך צו וויסן ווי צו ציילן.

גאָט האָט אונז פאַרזאָגט צו ציילן ספירה, גראַדע אין פרי־לינג, אין דער יונגסטער צייט פון יאָר, און דערפון זעען מיר, אַז ציילן אין דער יוגנט איז נאָך וויכטיקער, ווייל דאַמאָלט איז די צייט פון לערנען און די צייט פון ענטוויקלען. די צייט וואָס באַאיינפלוסט דאָס גאַנצע לעבן.

אַט האָב איך איצט אָפּגעציילט דרייצן יאָר, דרייצן יאָר פון קינדהייט; דרייצן יאָר פון שפּיל און פרייהייט; דרייצן יאָר פון פאַרנאַכלעסיקייט; איך האָב נאָך דעם ווערט פון צייט ניט געוואוסט, כאָטש מיינע ליבע עלטערן האָבן עס יאָ פאַרשטאַנען און געזען, אַז איך זאָל עס גוט אויסנוצן, אבער איך זעלבסט בין נאָך געווען יונג און אומדערפאַרן. די היינטיקע סדרה אָבער לערנט מיך די וויכטיקע באַדייטונג פון ציילן. ניט ווי איך האָב עס געלערנט לויט די מאַטעמאַטישע כללים אין דער אַמעריקאַ־נער שולע, נאָר לויט דער לערע פון אַ פּראַקטישן פירער. נישט נאָר זאָגט עס מיר אָן, אַז אויס ליבשאַפט פאַר מיין צוקונפט און פאַר מיין אייגענעם לעבן און נוצן, זאָל איך ציילן די מינוטן און עס צום גוטן געברויכן, נאָר עס לערנט מיך דאָס אלס בר־מצוה מוז איך זיך ציילן אלס פאָלקאָמער איד און מענטש, וואָס מוז טאָן זיין פליכט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע.

איך ווער פאַררעכנט אַ דריטער צו אַ מזומן, אַ צענטער צו אַ מנין, און דעריבער וועל איך זען צו ציילן זיך צווישן די אָנ־געזעענסטע מענטשן פון אונזער קהלה, צווישן די פירער פון די אידישע אנשטאַלטן, צווישן די טוער און בויער און דערמיט ברייננגען אויף מיר און אויף מיינע ליבע עלטערן די ברכה פון גאָט, אָמן.

נשא

נשא את ראש בני גרשון. מיר האלטן איצט ביים ציילן די בני גרשון.

ווערטע פריינט און פארזאמלטע:

ווען די אידן זיינען געווען אין מדבר, נאָך קבלת התורה און נאָך דער פארפערטיגונג פונ׳ם משכן, האָט גאָט פארזאָגט צו ציילן די בני ישראל. עס איז מערקווירדיק, וואָס בעת אלע שבטים זיינען געציילט געוואָרן מבן עשרים שנה ומעלה, פון צוואנציק יאָר און ווייטער, איז דער שבט לוי געציילט געוואָרן מבן חודש, פון א מאָנאט אלט.

פיזיש איז א פאָלק שטארק לויט איר גרוים אין צאָל; גייס־טיק אבער איז עס פעסט לויט די צאָל פון געבילדעטע. דער שבט לוי איז באשטאנען פון געלערנטע און געבילדעטע מענטשן צווישן די בני ישראל. פון זיי זיינען ארוים די כהנים און לוים, וועלכע האָבן באדינט דעם משכן ווי אויך פילע פירער. דאריבער האָט גאָט פארזאגט צו ציילן אויך די קינדער פון די לוים, וועלכע זיינען נאָר איין מאָנאט אלט.

אפילו די קינדער פון געלערנטע זיינען חשוב׳ער ביי גאָט. דער באשעפער אליין פאסט אויף זיי אויף. די אגדה דערציילט, אז גאָט זעלבסט האָט אנטייל גענומען אין ציילן די עופּה׳לאך: אמר משה לפני הקב״ה, יכול אני להיות מחזר ומסבב בחצרותיהם ובתוך בתיהם ולספר כל אחד ואחד? — אמר לו הקב״ה — את עשה את שלך, ואני עושה שלי. היה משה חולך ועומד על פתח אהליהם, והשכנה מקדמת ואומרת לו: חמשה תינוקים יש בבית

זה, חמשה תינוקים יש באהל הזה — משה האָט זיך געקלאָגט פאר הקב"ה און געזאָגט: ווי קאן איך גיין אין יעדן הויף צו ציילן די קינדער? — האָט גאָט געענטפערט: דו גיי פארביי יעדן הויז און איך וועל דיר זאָגן וויפיל קינדער זיינען פאראַן אין אלע געצעלטן.

די תנוקות של בית־רבן האָבן אלע מאָל געשפּילט ביי אונז אַ ראָלע. זיי האבן תמיד משפיע געוועזן אויף דעם פאָלק. אין זייער נאָמען האָט מען אָפט אפּעלירט צו גאָט, און אויך איצט דאַרף מען שענקען פיל אויפמערקזאמקייט די קינדער, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין זייער נאַציע און גלויבן.

מען דאַרף זיי היטן ווי יונגע צווייגן פון אַ טייערן בוים, ווייל אויף זיי ווערט געבויט די צוקונפט פון אונזער פאָלק. די פאקעל־טרעגער פון אונזער נאציע מוזן זיין מענטשן מיט בילדונג און פארשטאַנד.

דער שבט לוי האָט אין מדבר קיין דגל מחנה ניט געהאט און אלע אנדערע שבטים האָבן יאָ געהאט דגלים, ווייל זיין צייכן איז געוועזן די תורה, דער גלויבן, און דאָס האָט דעם שבט געמאכט פּאָפּולער ביים פאָלק.

מיין צייכן, וואס וועט מיר פון איצט אָן באשיינען דעם וועג, וועט זיין די תפילין, דער סימבאָל פון רעליגיע און גלויבן. דערפון וועט איר מיך דערקענען אלס אַ אידיש קינד. איך האָב יאָרן לאנג געלערנט אין בית־הספר און האָב ערוואָרבן אַ סך וויסנשאפט אין אונזערע לימודים, דאריבער האָף איך צו ווערן געציילט צווישן די בני לוי, דער געלערנטער קלאַס צווישן אידן.

פאררעכנט מיך אינ'ם בית אבי ומשפחתי, צווישן מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, וועלכע זיינען באוואוסט אלס גוטע, אָרנטלאכע מענטשן. פילע קרבנות האָבן זיי געבראכט ביז זיי

האָבן זוכה געווען מיך צו זען דאָ היינט, און קרבנות ווערן אזוי גרינג ניט פארגעסן.

דאריבער, ליבע עלטערן, נעמט איצט אָן די ווארימע און הייליקע געפילן פון דאנקבאַרקייט און ערע צו אייך מיט וואס מיין הארץ איז אָנגעפילט, אלס א פאָרלייפיקע באדאנקונג, און וועגן דער צוקונפט, גיב איך מיין וואָרט אַלס פארזיכערונג, אז איך וועל תמיד טאָן אייער וואונש צו גיין אין גוטן וועג און פארבלייבן א געטרייער זון צו אייך און צום פאָלק ישראל. אָמן.

בהעלותך

ליבע עלטערן און פריינט:

אין דער היינטיקער סדרה ווערט דערציילט וועגן צווייער־ליי פייערן, וועלכע ברענגען זייער א וויכטיקע לערע פאר א בר־מצוה קינד. איינער איז דער הייליקער פייער פון דער מנורה, וואָס פאַרשפּרייט ליכט און וויסנשאפט צווישן דעם אידישן פאָלק, און דער צווייטער איז דער פייער פון תבערה, א פלאם וואָס האָט געשטערט, פארוויסט, און אומגעבראכט מענטשן.

מיר זעען, אז די קראפט פון דער נאַטור קאָן ווירקן אין פאַרשידענע ריכטונגען; אמאָל קען עס בילדן און אמאָל פאַר־ניכטן, אמאָל שטארקן און אמאָל אָפּשוואכן. נעמט א ביישפּיל די עלעקטרישע קראפט, ווען זי איז איינגעשפּאַנט אין א מאשין און גוט קאָנטראָלירט, קען זי ברייננען די גרעסטע נוצן אויף דער וועלט, אבער ווען עס איז פארנאכלעסיקט און אומבאַ־גרענעצט קאן עס שעדיקן מענטשן. עס איז נאָר א פראגע, ווי אַזוי די קראפט ווערט אויסגענוצט.

מיט דעם מענטשנס נאטור איז אויך דאָס זעלבע: פיל מאָל קען עס געברויכט ווערן צום גוטן און פיל מאָל צום שלעכטן. צייטנווייז ווערט ערוועקט דאָס איידעלע און נאָבעלע אין מענטשנס כאראקטער און צייטנווייז, גראדע פארקערט, ווערט אויפגערייצט דאָס העסלאכע און בעסטאַלישע. עס איז נאָר גע־ווענדט אָן דעם „בהעלותך", ווער עס ריכטעט די קרעפטן, ווער עס צינדט די פייערן, ווער עס איז פאראנטוואָרטלאך פאר די אומשטענדן. אמאָל זעען מיר צוויי מענטשן מיט די זעלבע כאַ־

ראקטערן, מיט די זעלבע פייאיגקייטן, איינער איז גרוים און באַ־רימט און דער צווייטער אומבאדייטנד און קליין, וויילביידע ווערן באַאיינפלוסט פון דער דערציאונג און סביבה.

עס פארשאפט מיר אלס בר־מצוה היינט פארגעניגן צו זאָגן, אז די וואס זיינען פאראנטוואָרטלאך פאר מיין לערע און ווינסשאפט, פאר מיין דערציאונג און געזעלשאפט, פאר דעם פונק פון אידישקייט וואס ברענט אין מיין הארצן, זיינען מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, וואס האבן ניט געשפארט קיין מי און געלט מיר צו פארשאפן דאָס בעסטע און שענסטע וואָס קען נאָר געבן. און ווען א יונגער בוים דערהאַלט די נויטיקע אויפפאסונג, מוז ער אויסוואקסן פראכטפאָל און דויערהאפטיק. דאָס זעלבע וועל איך זיך אָנשטריינגען צו אָנצינדן דאָס אי־דישע ליכט פון ווינסשאפט און פארטרייבן דעם חושך פון אסימילאציע וואס לויערט ביי אונזער טיר. איך וועל צוטראָגן בוימל צום פייער כדי די שטראלן זאלן ווערן גרעסער און אריינ־דרינגען אין יעדער אידישער הויז, און זיין אן ערע צו מיינע ליבע עלטערן און א שטאָלץ צו מיין פאָלק, צו זיין א גוטער איד און א געהאָרכזאמער זון, און דאריבער וועט גאָט בענטשן מיינע ליבע עלטערן און אונז אלעמען, אמן ואמן.

שלח

טייערע עלטערן און חשוב'ע פארזאמלטע:

יעדע סדרה, יעדע פרשה, יעדעס וואָרט אין אונזער הייליקער תורה, אנטהאלט עפּעס אַזוינס וואס מען קען דערפון פיל לערנען. איך, אלס בר־מצוה בחור, וועלכער גייט איצט אַריין אין דעם מצב פון א דערוואַקסענעם און פאראנטוואָרטלאכן אידן, האָב אודאי פיל צו לערנען פון אונזער תורה.

אין דער היינטיקער סדרה ווערט דערציילט פון די מרגלים און זייערע זינד. ויציאו דבת הארץ אשר תרו — זיי האָבן גערעדט שלעכטס אויפ'ן לאנד וואס זיי זיינען געשיקט געוואָרן אויסצוזוכן, און דאדורך אָפּגעשוואכט דעם גלויבן אין גאָט און אין זיינע הבטחות, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין פסוק: „ויאמר ה' אל משה עד אנה ינאצני העם הזה ועד אנה לא יאמינו בי — ווי לאנג נאָך וועט דאָס פאלק זיך בונטעווען און ווי לאנג נאָך וועלן זיי ניט גלויבן אין מיר?"

די זינד פון די מרגלים איז דוכט זיך געווען א פיל קלענערע ווי די זינד פונ'ם עגל, און דאָך האָט גאָט מוחל געווען די זינד פון עגל און ניט פארגעבן די זינד פון די מרגלים, ווייל ווען אַ פאָלק פארלירט דעם בטחון, מוז עס אונטערגיין. אָן האָפענונג און גלויבן קאָן קיין פאלק ניט עקזיסטירן, און דאָס איז אויך מיט א יחיד, אַן איינצעלנעם פערזאָן.

עלטערן וואָלטן בשום אופן ניט געקענט איבערטראָגן די שלאָפלאָזע נעכט און שוועריקייטן וואס זיי מאכן דורך ביים

דערציען זייערע קינדער, ווען זיי וואלטן ניט געהאט דאָס בי־סעלע בטחון און האָפענונג.

בטחון האָט אויך געגעבן מיינע עלטערן מוט און קראפט אריבערצוטראָגן די פילע צרות פון מיין קינדהייט און אלץ מקבל צו זיין באהבה. אויך איך וועל מסתמא באגעגענען פילע שוועריקייטן אויף מיין לעבנס־וועג, אבער זייענדיק פול מיט בטחון אין גאָט און צוטרוי צו מיינע עלטערן, טרעט איך מוטיק אריין אין דער רייע פון אידישן פאָלק און נעם אויף זיך דעם יאָך פון אַלע מצוות און פאראנטוואָרטלאכקייטן.

די צוויי הויפט־פרינציפּן פון אונזער רעליגיע: אמונה און בטחון אין גאָט און איבערגעבנהייט צו מיין פאָלק ישראל, וועלן מיר דינען אלס צוויי ליכט־שטראלן אין מיין וועג.

איך וועל זיך מיען צו פארווירקלאכן די האָפענונגען פון מיינע ליבע עלטערן און אָפּהיטן די שיינע מידות און גוטע מעשים וואס איר האָט אין מיר מיט אזוי פיל ליבשאפט פאר־פלאנצט. דאָס האָף איך וועט זיין מיין בעסטער דאנק צו אייך פאר אייער גוטסקייט צו מיר.

איך בעט ביי גאָט אז אויך ער זאָל אייך באלוינען מיט אריכת ימים, הצלחה און פרייד. זאל גאָט געבן אז אייביקע פרייד זאָל הערשן ביי אונז אין הויז ווי אויך אינ׳ם הויז פון ישראל, אָמן.

קרח

ווערטע פריינט און פארזאמלטע:

דער „היינט" און דער „מאָרגן" זיינען דאכט זיך גאנץ נאָנטע שכנים, און דאָך זיינען זיי אָפטער אזוי ווייט איינער פון אַנדערן ווי מזרח פון מעריב, און דאס ווערט אָפגעשפיגלט אין דעם אָנהויב פון דער היינטיקער סדרה.

משה, דער אומשטערבלאכער פירער פון דור המדבר, וועל־כער איז פאראייביקט געוואָרן ביים פאָלק צוליב זיין שטענדי־קער איבערגעבנהייט, אָפּפערוויליקייט און באשיידנהייט, ווערט פלוצלונג אַטאַקירט ביי א גרופּע פון צוויי הונדערט און פופציק רעוואָלוציאָנערן מיט קרח'ן אין דער שפּיץ, מיט דער ווידערהאָלטער קלאגע „כי כל העדה כלם קדושים" — דאָס גאנצע פאָלק איז הייליק, „מדוע תתנשאו על קהל ה'" — וואָ־רום דערהויבסטו דו זיך איבער דעם פאָלק? — איז די געטלאכע ארבעט, די עבודה אליין, ניט גענוג פאר דיר, וואָס דו ווילסט אויך האָבן די כהונה?

גאנץ געלאסן און באשיידן ענטפערט משה רבינו: מחר, וידע ה' את אשר לו! — מאָרגן, און גאָט וועט אייך וויזן ווער איז ווער. און טאקע אויף מאָרגן האָט די גוואלדיקע פאסירונג געטראָפן, וואס האָט געלערנט די כבוד־זוכער, די גרויס־האל־טער, די אומצופרידענע, וועלכע זוכן נאָר דעם צווייטן צו טאד־לען, אום זיך פאר מארטירער ארויסצואווייזן, די וויכטיקע לעק־ציע פון טאָלעראנץ, געדולד און רעספּעקט פאר די וועלכע זיינען צו דעם בארעכטיקט. דער אייביקער האָט די ערד אויפגעעפנט

און האָט קרח'ן מיט זיינע מיט־ארבעטער לעבעדיקערהייט אין אָפּגרונט פארזונקען.

נאָך א פאל אין אונזער היסטאָריע, וואס ווייזט די אוי־סערגעוויינלאכע ענדערונג דער מאָרגן קען ברייגנען איז דער, וואָס אינגאנצן אין איין פרי־מאָרגן, און משה האָט פאר דעם הונגעריקן מדבר־פאָלק ברויט געשאפן — ובבקר תשבעו לחם. נאָך א פאל איז דער וואס פון אָוונט ביז מאָרגן האָט זיך א פיר־הונדערט־יאָריקער גלות פארוואנדלט אין א געגצלאכער אוים־לייזונג פון עגיפּטישן יאָך.

אַן ענלאכע פאסירונג ווערט איצט ווידערהאָלט אין מיין אייגענער געשיכטע. פון היינט ביז מאָרגן ווער איך פון א קינד פארוואנדלט אין א מאן. אָט בין איך דאָך געווען גאָר א קליין קינד; אָט ניט לאנג האָבן מיינע ליבע איבערגעבענע עלטערן מיך צום ערשטן מאָל אין חדר געפירט; ניט לאנג צוריק האָב איך „ראשית דעת" געלערנט, און פּלוצלונג, איך בין שוין א מאן, א איד מיט אלעמען צוגלייך! פון היינט אָן וועל איך ווערן צוגע־רעכנט אלס דריטער צו א מזומן, אלס צענטער צו א מנין, אלס נייער רעקרוט אין דער גרויסער ארמיי פון כלל ישראל.

אָט דער דאָזיקער פּלוצלינדיקער איבערגאַנג פון קינדהייט צו מענטשהייט, ברייננגט אויך מיט זיך אַן ענדערונג פון לעבנס־געוואוינהייטן, אויפפירונגען און אַנשויאונגען. איך הויב אָן פּלוצלונג צו טראַכטן וועגן דער אורזאך פון מיין דאַ־זיין, וועגן די לייסטונגען וואס מיינע ליבע עלטערן האָבן מיר געווידמעט, דעם גרויסן חלק וואס זיי האָבן געשפּילט אין מיין דערציאונג, ענטוויקלונג און וואוילזיין, און איך קום צום שלום, אז דער איי־ביקער איז צו מיר זייער גוט געווען. ער האָט מיר געשאַנקען צוויי געטלאכע מלאכים, וואס האָבן געהיט מיין יעדן טריט,

תמיד אויפגעפאסט אויף מיר, פאר מיר געשאפן אלץ וואָס א קינד אין מיינע יאָרן קען נאָר פארלאנגען. מיין פאָטערס שטי־מע איז אלעמאָל געווען אָנגעפילט מיט ליבע און צערטלאכקייט, מיין מוטערס האנדלונג פול מיט פריינטשאפט און איבערגעבנ־הייט, די ברידערשע באציאונג אזוי חבר׳יש און אינטים, די עצות פון מיינע ליבע גרוים־עלטערן אזוי נויטווענדיק און נוצ־לאך. דאריבער ווען דער היינט גייט אוועק און עס קומט דער גרויסער „מאָרגן" פון דער צוקונפט, וועל איך זיך מוזן אָנ־שטריינגען אייך אלעמען נחת צו פארשאפן. איך וועל פון איצט אָן תפלה טאָן, אז גאָט זאל מיר באהילפיק זיין און ער זאָל אייך אלעמען בענטשן מיט כל טוב, אמן סלה.

חוקת

ווערטע צוהערער און פריינט:

אַ גרויסער יאוש און האָפנונגסלאָזיקייט האָט געהערשט אין אידישן לאגער, ווי עס ווערט דערציילט אין דער היינטיקער סדרה, ווען דאָס פאלק איז געקומען קיין מדבר צין.

דאָס עם ישראל איז געווען דורשטיק פון גרויסן מאַרטש אין דער הייסער און לאנגער וויסטעניש און עס האָט געוואָלט א טרונק טאָן, ולא היה מים לעדה — און קיין וואסער איז ניט געווען. דערפאר איז דאָס וואנדער־פאָלק געווען אנטוישט און פאַרביטערט און זיי האָבן זיך געקריגט מיט משה׳ן און געזאָגט: לו גוענו בגוע אחינו; ולמה הבאתם את קהל ד׳ אל המדבר הזה, למות שם? — הלואי וואָלטן מיר אומגעקומען צוזאמען מיט די פריערדיקע ברידער, איידער צו ליידן דאָס וואס מיר דארפן איצט דורכטראָגן. פארוואס האָסטו אונז אינגאנצן אהער געבראכט אין דער וויסטעניש צו שטארבן דאָרט?

משה האָט זיך דערפאר געפונען אין א גרויסער פארלעגנ־הייט. וואָס אזוינס, האָט ער געטראכט, האָב איך ניט געטאָן ביז איצט דאָס פאלק צופרידנצושטעלן? מיר ווייסן, אז מיט אוי־סערגעוויינלאכע כוחות און דורך געטלאכע נסים, האָט ער דעם עם־קשה־ערף — שטאַרק־נאַקנדיק פאָלק — ארויסגעפירט פון איין צרה נאָך דער אנדערער, ניט צוליב אייגענע נוצן נאָר צו־ליב זיין ליבשאפט פאר זיין אייגן פלייש־און־בלוט. און גראדע איצט, אז דאָס ערגסטע איז שוין פאַריבער, קומט די גרויסע אומצופרידנהייט מצד זיינע אייגענע ברידער.

משה האָט דערפאר באשלאָסן ביי זיך, איינמאָל פאר אלע מאָל, דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון פאָלק איינצושטילן. ער האָט זיך דערביי דערמאָנט אָן זיין צויבער־שטעקעלע וואָס האָט אים פון אלע צרות גערעטעט, ווי למשל ביי פרעה מלך מצרים, ביי קריעת ים־סוף, און איצט אויך האָט ער באשלאָסן צו נעמען דעם שטעקן אין האנט אריין, און דורכפירן די נויטיקע אָפּער־ראציע. ער האָט געזאָגט: „שמעו נאָ המרים! המן הסלע הזה נוציא לכם מים?“ — הערט איר ווידערשפּעניקע! צי דען קאָן מען פון דיזן שטיין ארויסברייננגען וואסער? און מיט די ווער־טער האָט ער דעם שטיין צוויי מאָל א קלאַפּ געטאָן, און א קוואל וואסער האָט ארויסגעשטראָמט, וואָס איז געווען גענוג פאר דעם גאנצן פאָלק צו טרינקען.

מער ווי איינמאָל פּאסירט עס אין א קינדס לעבן, אַז עס ווענדעט זיך צו זיינע עלטערן מיט פילע טענות און באשול־דיגונגען, למה הבאתם אל המדבר הזה, צוליב וואָס האָט איר מיך געבראכט אויף דער וועלט, צו ליידן צרות און פּיין? אז איך זאָל דארפן זיין באשריינקט אין מיינע פארלאנגען און ניט האָבן אָט דאָס וואס מיין הארץ געלוסט?

און די טייערע עלטערן, אזוי אויך ווי די לערער פון דער שול, קאָנען ניט באגרייפן די אומדאנקבארקייט און די אומצופרידנ־קייט פון אָט די יונגע און אומדערפארענע קינדער, און פיל מאָל איז נויטיק זיי דערפאר צו באשטראָפן, ווייל ווערטער אליין זיי־נען ניט גענוג אויף זיי צו ווירקן. אָבער ווען עלטערן באשטראָפן קינדער, זיינען די עלטערן אליין אויך די ליידנדיקע, ווייל דאס הארץ טוט זיי וויי, ווען זיי דארפן זייערע אייגענע קינדער וויי טאָן.

מיר זעען אז פון שלאָגן דעם שטיין האָט משה אליין אויך געליטן, ער האָט צוליב דעם ניט זוכה געווען צו קומען נאָך ארץ

ישראל — דאָס לאנד כנען. די איבעריקע דורות האָבן מיט אים מיטגעפילט און באדויערט זיין לאגע. היינט, ווען איך ווער דרייצן יאָר אלט, הויב איך אָן צו פארשטיין און מיטפילן מיט מיינע טייערע עלטערן, פאר די אומאנגענעמלאכקייטן וואָס איך האָב זיי ווען פארשאפט, פאר די אויפמערקזאמקייט און אָנ־שטריינגונג וואָס איך האָב פון זיי תמיד געפאָדערט. עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך האָב זיי ביז איצט ניט געקענט העלפן און זייער ארבעט פארגרינגערן.

אָבער, ליבע און געטריי עלטערן, נעמט אָן מיינע איצטיקע ווערטער אלס אמת׳ע, אלס אזוינע וועלכע קומען פון טיפן הארצן, פון א הארצן וואס איז אָנגעפילט מיט הייליקע און נאָ־בעלע געפילן. איך וועל תמיד טראָגן צו אייך ליבע און איבער־געבנהייט פאר אייער גוטסקייט, טרייהייט און ליבשאַפט צו מיר. זאָל גאָט אייך דערפאר געבן געזונט און גליק. איר זאָלט האָבן נחת פון אלע אייערע קינדער. אמן.

בלק

ליבע און געטרייע עלטערן און ווערטע פארזאמלטע!

היינט, צו מיין דרייצנטן געבורטסטאָג, ווען איך קום צו אייך זיך ערקלערן אלס מיטגליד און אייך בעטן מיך אנערקענען אלס א פאָלשטענדיקן אידן, מיט פולע פליכטן און פאראנט־וואָרטלאכקייטן צום אידישן פאלק, קום איך צו אייך ניט מיט ליידיקע הענט.

עס ווערט דערציילט ביי דעם סוף פון דער היינטיקער סדרה, אז ווען פנחס בן אלעזר הכהן איז ארייגעקומען אין אידישן לאגער און האָט דערזען וואס דאָרט קומט פאָר, ויקם מתוך העדה — האָט ער זיך דערהויבן איבער דעם פאָלק. ויקח רומח בידו און ער האָט גענומען א שפיז אין זיינע הענט.

איך קום היינט צו טאָג אויך מיט א רומח בידי, מיט די רמ"ח מצות אלס מיטגליד פון דעם אידישן פאָלק, און אין מיינע אויערן קלינגען די ווערטער פון דעם נביא וועמען איך האָב ניט לאנג צוריק געלייענט.

עמי זכור נא מה יעץ בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור — מיין פאָלק, געדענק, וואס בלק האָט וועגן דיר אַן עצה געגעבן און וואָס בלעם בן בעור האָט אים געענטפערט.

מיר מוזן אלע מאָל וויסן די עצות פון אונזערע שונאים כדי מיר זאָלן זיך קענען היטן אפילו פון זייערע ברכות. וירא בלק את כל אשר עשה ישראל לאמורי. בלק בן צפור זעט נאָר אלע מאָל וואס ישראל טוט צו אמורי, אבער וואס אמורי טוט צו

ישראל׳ן, דאָס זעט ניט בלק. ווען אמורי לאָזט שוין יאָ ישראל׳ן, דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן אידן, אַמאָל אַריין אין זיין ברייט און גרויס לאנד, פּייניקט ער אים מיט גזרות, אונטערדריקונג און פּאָגראָמען און זעט ישראל זאָל זיך ניט קאָנען העלפן, ניט קע־נען פארטיידיקן און באשיצן זיין פאמיליע. דערזעט בלק יאָ אַמאָל עפּעס גוטעס ווערט געטאָן צו ישראל׳ן, הויבט ער גלייך אָן זוכן די פעלערן אלס תירוץ פאר נייע צרות און גזירות.

אונזערע מעשים ווארפן זיך תמיד אין די אויגן פון די אומות העולם. מען היט אונז אויף יעדן טריט און שריט. זאָל זיך א איד פארזינדיקן, וועט עס באלד קלינגען איבער׳ן גאַס; די צייטונגען וועלן מאכן דערפון א גרויסן וועזן. זאָל זיך אבער אַ איד באריממט מאכן מיט א העלדישן טאַט אָדער מיט עפּעס אַ גרויסע דערפינדונג, וועט עס איינגאנצן פארשוויגן ווערן, אָדער מען וועט עס צורעכענען צו עפּעס א גוי׳איש לאנד פון וואַנען מיר זיינער אהער געקומען.

דאריבער ווען איך קום איצט אריין אין אייערע רייען אלס אַ נייער מיטגליד, אלס א בר־מצוה, וואס וועט זיך רעכענען אלס איינער פון כלל ישראל, מוז איך אזוי האנדלען אז די בלק׳ס און די בלעמ׳ס זאָלן ניט האָבן וואס אויסצוזעצן קעגן מיר. איך ווייס, אז כל ישראל ערבים זה לזה — אז איין איד איז פאר־אנטוואָרטלאך פאר׳ן צווייטן, און אז מען וועט קוקן אויף מיינע מעשים ווי אויף די מעשים פון דעם גאנצן אידישן פאָלק. זאָלן דאריבער מיינע טעטיגקייטן און באנעמונגען זיין אזעלכע וואָס וועלן זיך אָפּשפּילן גאנץ שיין אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק.

איך האָב געהאט זייער א פאָרזיכטיקע דערציאונג. מיינע געליבטע עלטערן האָבן אויף מיר אלעמאָל אויפגעפּאסט. זיי

האָבן געזוען איך זאָל האָבן גוטע חברים, גוטע לערער און אַ גוטע סביבה. זיי האבן קיין מי און געלט ניט געשפּאָרט פאר מיין אנטוויקלונג און דערציאונג. איך דאנק אייך ליבע עלטערן פון מיין טיפסטן האַרצן און האָף צו פארשאפן אייך און דאס גאנצע פאָלק גרוים ערע און אנערקענונג, אָמן.

פינחס

חשוב'ע פארזאמלטע:

ווען מיין ווירדיקער לערער האָט מיך אויפגעפאָדערט צו זאָגן א בר־מצוה דרשה, האב איך אים געענטפערט מיט די ווערטער פון דער היינטיקער הפטורה: לא ידעתי דבר כי נער אנכי — איך קען ניט רעדן, ווייל איך בין נאָך א קינד. דער לערער האָט מיר דאמאָלט געענטפערט מיט'ן צווייטן העלפט פון פסוק: אל תאמר נער אנכי — רעד זיך ניט איין אז דו ביזט נאָך א קינד, זיי ווייסן אז דו ביזט איצט א בר־מצוה בחור, א מאן מיט פליכטן און פאראנטוואָרטלאכקייטן, און דארפסט שוין עפּעס אליין אויפטון. כי אל כל אשר אשלחך תלך ואת כל אשר אצוך תדבר — דאריבער שעם זיך ניט, גיי אויף דער במה, דאָרט וואוהין איך שיק דיך, און זאָג די ווערטער וואס איך הייס דיר, און מיט דעם וועסטו פיליכט גוטעס טון דיין פאָלק און פארשאפן פארגעניגן דיינע ליבע עלטערן און לערער.

און גראדע אין היינטיקער סדרה, רבותי, זעען מיר אן ענלאך בילד ווי אַ לערער און זיין שילער שטייען צוזאמען און פלאנעווען ווי צו טאָן גוטעס דעם אידישן פאָלק. אויף איין זייט זעען מיר דעם אלטן לערער פון הומאניטעט און וויסנשאפט, משה רבינו, און אויף דער צווייטער זייט דעם יונגען ענטוזיאסטישן שילער, יהושע בן נון, און ביידע שטייען אויף דעם נאַטורשיינעם בארג עברים, וואו עס איז אויסגעשפרייט א וואונדערלאכע פאנאָראמא פון דעם לאנד כנען, דאס לאנד פון דער אידישער צוקונפט, און דער אלטער לערער בעט גאָט צו באשטימען א נייעם פירער — יפקד אלהי הרוחות לכל בשר איש על העדה.

מיר ווייסן אלע, אז פירער לעבן ניט אייביק. עס איז נויטיק דאָס יונגע קרעפטן זאָלן פארטרעטן דאָס אָרט פון די אוועקגייענדיקע; עס איז נויטיק אויסצובילדן און אנטוויקלען א נייעם דור וואָס זאָל קענען איבערנעמען די ארבעט פון די פריהערדיקע, צו טראָגן דעם פאקעל פון אידישע קולטור און חכמת ישראל. מיר באגרייפן עס אלע, אבער גלייכצייטיק פארגעסן מיר, וואס איז נויטיק כדי צו דערציען אזא דור. גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, דו ווילסט א פירער? קח לך את יהושע בן נון וסמכת את ידך עליו — נעם דיר דיין שילער יהושע בן נון און לייג דיין האנט אויף אים, גיב אים דיין פולע שטיצע.

יאָ, פריינט, אויב מיר ווילן האָבן פירער, מוזן מיר מיטהעלפן אָט די יונגע קרעפטן. אָן נויטיקע שטיצע קענט איר די פירער ניט שאפן און אויך ניט דערציען דעם געווינשטן יונגען דור.

די עליה אויף דער בימה, אויפ׳ן הויכן פלאַץ, איז נאָך ניט גענוג פאר א בר־מצוה קינד. מען מוז אים אויך אנדערש צוציען צום פאָלק; שאפן פאר אים און אויך אנדערע, א מעגלאַכקייט פאָרטצוזעצן די אידישע לערע. די שטיצע פון א חדר טאָרן מיר קיינמאָל ניט אוועקנעמען. און נאָך אלעמען קום איך איצט צו אייך מיט דער זעלבער גדולה ווי פנחס, וועלכער ווערט גערעט אין דער היינטיקער סדרה. עס שטייט: ויקח רמח בידו — ער האָט גענומען א רמה, א שפיז אין זיין האנט. איך קום היינט אויך מיט א רמח, דאָס איז די רמ״ח מצוות עשה אין דער תורה, וואס א בר־מצוה פארפליכטעט זיך צו אָפצוהיטן, ווען ער טוט אָן די תפילין.

דערפאר האָף איך אז גאָט ברוך הוא וועט אונז, און מיינע ליבע איבערגעבענע עלטערן שיקן זיין ברכת שלום, עלינו ועל כל ישראל, אמן.

מטות

טייערע עלטערן און פריינט:

מיר לייענען היינט: ומקנה רב היה לבני ראובן ולבני גד עצום מאד — די צוויי און א האלב שבטים, די קינדער פון ראובן, גד און דער האלבער שבט מנשה, זיינען געווען זייער רייך און האָבן געהאט א סך שאָף און רינדער. פארנעמענדיק דאָס לאנד אויף יענער זייט טייך ירדן, האָבן זיי לכתחילה געוואָלט דאָרטן פארבלייבן און מער זיך ניט באטייליקן אין דער איינגעמונג פונ׳ם לאנד פאר די איבעריקע שבטים.

אזוי איז שוין די נאַטור פון מענטשן, אז ווען זיי זיינען רייך פארגעסן זיי די נויטן פון די אנדערע. אויך די קינדער פון די צוויי און א האלב שבטים האָבן געהאט די זעלבע שוואכקייט. זיי האָבן זיך געבעטן ביי משה׳ן: אם מצאנו חן בעיניך, יתן את הארץ הזאת לעבדיך לאחוזה — מיר ווילן דאָ פארבלייבן און נעמען באזיץ פונ׳ם לאנד. אל תעבירנו את הירדן — מיר ווילן ניט אריבערגיין דעם ירדן און העלפן די איבריקע שבטים ערווערבן דאָס לאנד.

משה, דער גרויסער סאָציאַלער און יושר׳דיקער מענטש, האָט נאַטירלאך דארויף רעאגירט און אויסגעשריען מיט פארדרוס: האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה? — אייערע ברידער וועלן גיין אין מלחמה און זוכן פאר זיך א באַדן און איר וועט זיך דאָ זיצן רואיק?

און אָט זעען מיר די גרויסקייט פון אונזערע עלטערן, און די ברידערלאכע פאראנטוואָרטלאכקייט וואס זיי האָבן אויף

זיך גערן געגומען. מיר וועלן גיין אין מלחמה! אנחנו נחלץ חשים — מיר וועלן זיך גערן באטייליקן אינ׳ם קאמף מיט די איבריקע אידן, אבער איר וועט מוזן אכטונג געבן און זאָרגן פאר אונזערע קינדער.

דארין ליגט א גרויסער מאָראל, זייער א וויכטיקע לערע, וואָס לעבט נאָך אויך איצט אין דעם עצם פון אונזערע אידישע פאָלקס־מאסן: איינער פאר דעם אנדערן און אלע פאר איינעם. אָבער דאָס סאמע וויכטיקסטע איז די באזאָרגונג פון די קליינע קינדער, די תינוקות של בית רבן זיי זאָלן ניט אַרונטערפאַלן אונטער דער פרעמדער און פיינטלאכער אטמאָספערע.

משה, דער גרויסער פסיכאָלאָג און מענטשן־קענער, האָט זיי געהייסן בויען ערים לטפכם, פעסטונגס־שטעט פאר די קליינע קינדער, וואו דער אידישער גייסט זאל זיין הערשנדיק און בולט. משה האָט בכלל געוואוסט פון דערפארונג אין דער מדבר, אז דער יונגער דור איז תמיד דער סאמער וויכטיקסטער גליד אינ׳ם אויפבוי פון א פאָלק, און דערפאר האָט ער זיי געווידמעט אזוי פיל צייט, געבויט פאר זיי פעסטונגס־שטעט, און זיי באשיצט פון פרעמדער השפעה דאמאָלט ווען די עלטערן זיינען געווען באשעפטיקט אינ׳ם קאמף פאר זייער לעבנס־עקזיסטענץ.

מיינע עלטערן, זאלן לעבן און געזונט זיין, האָבן אויך אויפ־געהאלטן אָט דעם דאָזיקן אידישן גייסט און טראַדיציע פון אחריות און באשיצונג פונ׳ם יונגען דור. זיי, ווי אלע אידן אין אמעריקע, האבן געבויט פעסטונגס־שטעט, די בתי ספר, די חדרים, אידישע שולן און קאָמיוניטי צענטערס, מיר זאָלן ניט פארפרעמדט און אָפגעריסן ווערן פון אונזער שטאָם.

גאָר געטריי זיינען געווען מיינע ליבע עלטערן. זיי האָבן זאָרגפעליק אכטונג געגעבן אויף מיין אידישער דערציאונג און

בכלל באפעסטיקט מיין שטאַט, מיין יסוד און באָדן אויף וועלכן איך וועל דארפן שטיין אלע מיינע יאָרן.

מיינע עלטערן זיינען געגאנגען אינ׳ם קאמף פאר דער אויפ־האלטונג פונ׳ם אידישן פאלק און אויך געזאָרגט פאר מיר, איך זאָל קענען ווייטער ציען דעם פאָדעם פונ׳ם אידישן אידעאליזם און סאָציאלן יושר.

איך אלס נייער מיטגליד אין דער אידישער קהלה וועל אודאי זען צו גיין אינ׳ם דרך פון מיינע עלטערן און אונזערע גרויסע פירער זיי זאלן תמיד האבן פון מיר נאָר נחת און פרייד. זיי האָבן דורך זייערע קרבנות פאר מיר עס כשר און ערלאך פאר־דינט, און מעג זיי דער גאָט פון חסד און רחמנות פונקט אזוי באַלוינען ווי מיין הארץ און געדאנק באלוינט זיי מיט די בעסטע ברכות, אמן.

מסעי

פריינט און פארזאמלטע:

די ווערטער פון דער היינטיקער סדרה דערציילן אונז א קאַפּיטל פון דעם מדבר וואנדערנדיקן פאָלק ישראל.

ווען די צוויי און א האלב שבטים האָבן זייער חלק פארלאנגט אויף דעם זייט ירדן און זיך ענטזאגט ווייטער צו גיין, האָט משה ענטריסטעט זיי געפרעגט: האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה? — צי דען ווילט איר זיצן דאָ אין באקוועמלאכקייט און געניסן פון די פארמעגנס וואס דאָס גאנצע פאָלק האָט דערוואָרבן, אין דער צייט וואס אייערע ברידער וועלן ערשט דארפן מלחמה האלטן פאר זייער עקזיסטענץ? און די צוויי און א האלב שבטים האָבן משה'ן דייטלאך דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט אויסן זייער אייגענע טובה, אז זיי זאָגן זיך ניט אָפּ צו העלפן כלל ישראל, וואס זיי זיינען יאָ אויסן, איז די באפעסטיגונג און פארזיכערונג פון זייערע יונגע קינדער, וועלכע קאָנען אין מלחמה ניט גיין, אבער וועמענס גייסטיקע פארדינסטן זיינען פון גרויס ווערט.

אויך מיר אין אמעריקא האנדלען אזוי: מיר האָבן דאָ געפונען א געבענטשטן באָדן אויף וועלכן מיר האָבן זיך באפעסטיקט. מיר לעבן דאָ גאנץ זיכער, באקוועם, ניט אָרים, צופרידן, דאָך פארגעסן מיר ניט אין אונזערע ברידער פון אַנדערע לענדער און מיר העלפן אויך זיי זיך דערווערבן א באָדן אונטער די פיס. יאָר־יערלאך ביישטייערן מיר אונזער חלק צו גאולת הארץ און קרן קימת. מיר האָבן אלעמאָל געשטיצט אונזערע ברידער מעבר לים, אויף יענעם זייט וואסער, און זייערע מלחמות קעגן הונגער, אנטיסעמיטיזם און ראסן־האָס.

ניט בלויז שטיצן מיר אונזערע ברידער אין די ווייטערע לענדער מיט געלט אין זייער מלחמת החיים, — אין דעם ביטערן לעבנס־קאמף, נאָר מיר פארגעסן אויך ניט די גייסטיקע מלחמה אין אונזער אייגענעם לאגער. מיר דערפילן דעם באפעל פון משה רבינו, וואס ער האָט פארזאָגט די איינגעזעסענע, צו־פרידנשטעליקע תשבים פון לאנד: בנו לכם ערים לטפכם וגדרות לצאנכם, — מיר בויען אויך דאָ אין אַמעריקא בתי־מדרשים, ישיבות, תלמוד־תורות, פעסטונג־שטעט פאר אונזערע קליינע קינדערלאך און יונגע שעפּסעלאך, כדי צו רעטן די יונגע כוחות פון אסימילאציע און אונטערגאנג, און זיי דערציען אויף אַ אידישן באָדן.

מיט שטאָלץ און צופרידנהייט קענען מיר זאָגן, אז מיר האָבן דאָ גוטע לער־אַנשטאלטן און תלמוד־תורות. די קינדער וועמענס עלטערן קענען פאַראוים זען די צוקונפט; וועמענס בליק איז ווייטער ווי דער אייגענער קרייז פון זייער סביבה, דערהאלטן א פילזייטיקע אידישע דערציאונג, און שאפן זיך א טיפן באגריף איבער געשיכטע און שפראך. ווען א תלמיד פון אַזאַ לער־אנשטאלט ווערט בר־מצוה, איז די פרייד אן אמת פארדינטע.

איך האָב צו פארדאנקען מיינע ליבע עלטערן, פאר די אומ־שעצבארע מתנות, וואס זיי האבן מיר אין די דרייצן יאָר פון מיין לעבן געגעבן. זיי האָבן געשפּאָרט פון דאָס לעצטע וואס זיי האָבן פארמאָגט, אבי מיך צו לערנען, ענטוויקלען און ווייזן דעם וועג פון אידישקייט און געטלאכקייט. זאָל גאָט זיי דער־פאר אויך ניט פארגעסן מיט זיינע פילע ברכות און מתנות, און ער זאל זיי געבן א גרויסן חלק פון גליק און צופרידנהייט, פון געזונט און פארמעגן, זיי זאלן לעבן לאנג און גליקלאך, אָמן.

דברים (שבת חזון)

ליבע עלטערן און פריינט:

היינטיקער שבת איז פון גרויס היסטאָרישער באדייטונג און ווערט אָנגערופן שבת חזון, צוליב דעם וואָס די היינטיקע הפטורה הויבט זיך אָן חזון ישעיהו בן אמוץ, וואס איז דער ערשטער קאפיטל פון די שאפונגען פונ׳ם אומשטערבלאכן נביא ישעיהו בן אָמוץ.

די נבואה איז געזאָגט געוואָרן אין דער צייט פון אָחז מלך יהודה, ווען תגלת־פלאסר האָט איינגענומען ארם און א העלפט פון מלכות ישראל. ישעיהו האָט ניט געקאָנט צוזען אָחז׳עס האנדלונגען און זיין פארפירערישע פּאָליטיק. ער האָט דערפאר געמאכט פאָרווירפע דעם מלך און זיין געזעלשאפט און זיי בי־טער געשטראָפט פאר די זינד. אין נאָמען פון גאָט האָט ער גע־זאָגט: בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי — קינדער האָב איך דערצויגן און האָב זיי דערהויבן און זיי האבן קעגן מיר געזינ־דיקט, און ישעיהו האָט זיי בכלל געטאדעלט פאר זייערע מאוס׳ע באנעמונגען צו גאָט און דעם פאָלק.

שבת חזון קומט אלעמאָל אוים פאר תשעה באב, ווען דאָס פאָלק טרויערט אויפ׳ן חורבן פון בית המקדש און אויף די גרויסע פארלוסטן וואס עס האָט דורך דער צייט געליטן. דער־פאר זיינען די ווערטער פון ישעיהו הנביא זייער צוגעפאסט צו די טרויעריגע־טעג און די דאָזיקע הפטורה ווערט היינט גע־לייענט צוזאמען מיט די סדרה דברים. איז עס אפשר ניט אמת, אז אונזער גאנצער פראכט און גלאנץ איז צונישט געוואָרן צו־

ליב די בנים אשר גדלתי ורוממתי — צוליב די זינד פון גאָט׳ס קינדער, צוליב דעם וואָס זיי זיינען אַראָפּ פון דרך הישר?

דער הייליקער נביא האָט שוין דאמאָלט פאָראוים געזען דעם גרויסן חורבן וואס וועט קומען אויפ׳ן פאָלק, דעריבער האָט ער אונז געוואָרנט אז מיר דערציען קינדער ניט אויפ׳ן ריכטיקן וועג. מיר דערהויבן זיי אויף הויכע מדרגות פון לערע און וויסן, אבער ווען זיי ווערן גרויס, יעדער אויף זיין געביט, זינדיקן זיי קעגן אונזער גאָט און גלויבן. זיי דערווייטערן זיך פון אונזער פאָלק און אונזערע אינטערעסן, זיי פארגעסן וועגן אונזער פארגאנגענהייט און קימערן זיך ניט וועגן אונזער צוקונפט.

איבערהויפט זעען זיך די פאקטן בולט אָן אין שבת חזון, ווען דאָס פאלק איז איינגעהילט אין נאציאָנאלן טרויער און בלעטערן די זייטן פון די אלטע געשיכטע.

די היינטיקע סדרה ווערט באצייכנט מיט׳ן נאָמען דברים, וואָס מיינט ווערטער. אויך אָט אויף דעם דאָזיקן געדאנק פון א סך רעדן און גאָר ניט טאָן; פון מתפלל זיין מיט די ליפן און אין הארצן טראכטן אנדערש, צוזאָגן און ניט האלטן — אָט אויף די אלע זאכן שרייט אוים דער נביא: מי בקש זאת מידכם רמס חצרי?! — ווער פארלאנגט עס פון אייך אז איר זאָלט קומען צו מיר תפלה טאָן, ברענגען מיר פאלשע קרבנות. למדו היטיב — לערנט זיך בעסער, טוט וואס איז יושר׳דיג און אָרנטלאך, פאסט אויף אויף דעם יתום און די אלמנה, טוט ממשות׳דיקע גוטע מעשים.

איצט, ליבע פריינט, שטעלט זיך פאָר אין וואס פאר א וויכטיקן מאָמענט איך קום רעדן צו אייך אלס בר־מצוה. איז מיין דרשה נאָר דברים, ווערטער, פוסטע פראזן אָן באדייטונג און אָן געפיל? אָדער זיינען זיי דברים היוצאים מן הלב — ווערטער,

וועלכע קומען פון טיפן הארצן, אמת׳דיקע ווערטער, אויסגע־רעכנטע, איבערגעלייגטע, מיט א זין און פארשטאַנד?

עס איז ניט שיין זיך אליין צו לויבן און אויף זיך זעלבסט ארויסצוזאָגן א מיינונג, אבער איך פארהאָף צו געבן מיינע טייערע עלטערן און פריינט, א געלעגנהייט אויסצוגעפינען דורך מיין באנעמונג און האנדלונג, די אויפריכטיקייט פון מיינע ווער־טער. זייענדיק שטארק גערירט פון דעם היינטיקן היסטאָרישן טאָג און אויך באגייסטערט פון דעם הייליקן מאָמענט פון מיין בר־מצוה, קאָן איך אנדערש ניט טאָן ווי זיך אויפפירן אָרנטלאך און אידישלאך ווי די תורה פארלאנגט און ווי מיינע טייערע עלטערן פאָדערן פון מיר.

ידע שור קנהו וחמור אבוס בעליו — אן אָקס און אן אייזל האָבן געפילן פון דאנקבארקייט, זיי קענען און ווייסן זייער בעל־הבית, וועלכער גיט אכטונג און פאסט אויף זיי אויף, און דער־פאר דינען זיי אים ערלאך און טריי. ישראל לא ידע — אונזער פאָלק אבער, זאָגט דער נביא, קען ניט און וויל גאָר ניט אָפט וויסן די געטלאכע קראפט פון זייער בעל־הבית, גאָט ברוך הוא, וואָס איז מפרנס און שפייזט דאָס פאלק ישראל אין אלע זיינע ליידן און צרות. גאָר אָפט פארגעסן זיי אפילו וועגן זיינע הבטחות און פארלאנגען, און דער געפיל פון דאנקבארקייט צו אים און צו די טובות און חסדים, וואָס ער טוט מיט אונז איז ניט גענוג אנטוויקלט אין דעם עם ישראל.

אָלס א נייער מיטגליד פון דעם אידישן פאָלק, דארף איך זיך פארטראכטן וועגן די אויפריכטיקע ווערטער פון אונזער נביא ישעיה, און זען מער צו אנטוויקלען אין זיך דעם געפיל פון דאנקבארקייט פון וואס מיינע ליבע און געטרייע עלטערן זאָלן אויך קענען געניסן אין א פולער מאָס.

ליבע, טייערע עלטערן, איך פארהאָף אז ווען איר וועט זאָגן בנים גדלתי ורוממתי, אז איר האָט דערצויגן קינדער, וועט איר קאָנען צוגעבן אז אייערע קינדער זיינען אזעלכע מיט וועמען איר קענט שטאָלצירן, וועלכע פארשאפן אייך א סך כבוד און פרייד און וועלכע זיינען גוט צו גאָט און צו לייט.

לאָמיר איצט אלע האָפן אז עס זאל נעמען אן ענדע צו דעם לאנגן גלות, אז גאָט וועט זיך דערבארעמען אויף זיין פאָלק ישראל און צוריק קערן אונזער גלאנץ און פראכט, וציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, אמן.

ואתחנן

פריינדע און פארזאמלטע:

די היינטיקע סדרה הויבט זיך אָן מיט א פסוק, וואס קלינגט ווי א תפלה פון א הארץ וואס איז אָנגעזאפט מיט ערגערניש, ווייטאָג און בענקעניש. ואתחנן אל ה׳ — איך האָב געבעטן ביי גאָט.

משה, וועלכער איז אזוי פיל אויסגעשטאַנען פון דעם עם קשה ערף, אָט דער דאָזיקער גרויסער גבור שטייט איצט א גע־בראָכענער, א נידערגעשלאָגענער, פאר דעם זעלבן פאָלק און דערציילט זיין שרעקלאכע טראַגעדיע און אומגליק: ואתחנן אל ה׳ — איך האָב מיך געבעטן ביים רבונו של עולם: אעברה נא ואראה את הארץ הטובה, — לאָז מיך, איך בעט דיך, אריבער־גיין און זען דאָס גוטע, גוטע לאנד. דאָס לאנד, פון וועלכן איך האָב אזוי פיל גע׳חלומ׳ט, דאָס לאנד פאר וועלכן איך האָב אזוי פיל געליטן, דאָס לאנד פון מיינע שטרעבונגען און אידעאלן.

אָבער צו גרויזאם איז דער מדת־הדין און צו שטאַרק איז די גזרה. גאָטס שטימע ענטפערט: ניין, דו וועסט דאָס גוטע לאנד ניט זען. יהושע, דיין משרת, דיין תלמיד, ער איז דער גליקלאכער, ער האָט זוכה געווען צו זען דעם גרויסן הייליקן אידעאל פארווירקלאכט און צו באַפעסטיקן דאָס אידישע פאָלק אויף א זעלבסטשטענדיקן באָדן אין ארץ ישראל.

דאָ איז א דאָפּעלטער ווייטאָג: דו האָרעוועסט, פלאָגסט זיך, שטרעבסט און האָפסט, און פלוצלונג ווערט אָפּגעהאַקט

און אָפּגעצוימט דער וועג און קאָנסט די פּרוכט פון דיין אייגע־נער מי און ארבעט ניט געניסן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט עלטערן. זיי ארבעטן טאָג־טעג־לאַך מיט זייערע גאנצע כוחות צו דערציען זייערע קינדער אלס באַוואוסטזיניקע אידן; זיי שטייען אויס אלערליי שמערצן און צרות ביז עס קומט די צייט ווען זיי זיינען שוין זוכה צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן דעם בר־מצוה טאָג פון זייער קינד, ווי ער טרעט אריין אין זיין אייגן לאנד פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. דאריבער פיל איך זיך גליקלאַך וואס איך האָב היינט מיט מיר דאָ מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, וועלכע האָבן פאר מיר געאקערט און געזייט, אום איך זאָל קע־נען דערפון געניסן. מיין הייליקע פליכט איצט איז זיי צו פאר־שאַפן כבוד, גליק און גרויס פארגעניגן. איך וועל דערפאר פאר־ענדיקן מיינע אויפריכטיקע ווערטער מיט די זעלבע תפלה וואס איך האָב אָנגעהויבן:

ואתחנן אל ה׳ — איך בעט ביי גאָט, אז ער זאָל שענקען מיינע ליבע עלטערן געזונט און גליק אלס באלוינונג פאר זייער אומערמידלאכע ארבעט מיך צו דערציען; פאר זייער אייבי־קער ליבשאפט און איבערגעבנהייט צו מיר. זאָלן זיי זיין גליק־לאַך אויך מיט די יעניקע גוטע און אידעאלע אידן, וואס העלפן אין דער ענטוויקלונג פון הייליקע טראַדיציעס און מעשים טובים. זאָל אונז גאָט העלפן אז מיר זאָלן אלע זיין אין דער בחינה פון יהושע, צו זען מיט אונזערע אייגענע אויגן די גאולת הארץ, די דערלייזונג פון אונזער אייגן לאנד. אָמן.

עקב

טייערע עלטערן:

אין אונזער הייליקער תורה ווערט גאנץ אָפט באַטאָנט די מאָראַלישע פאַרפּליכטונג פון טאָן בלויז גוטע מעשים. אריכת ימים, א לאנג און גליקלאַך לעבן, ווערט פאַרשפּראָכן פאַר׳ן בלייבן געטריי די אידישע אמונה און טראַדיציע, און דאגעגן ווערט דער איד געוואָרנט חלילה ניט אראָפּצוגיין פונ׳ם גלייכן וועג. פּן יפתה לבבכם — טאָמער חלילה וועט איר זיין גענויגט צו טאָן שלעכטס, וועט איר אליין ליידן אירע קאָנסעקווענצן און רעזולטאַטן. ושמרתם ועשיתם אותם — וועט איר אָבער אָפּהיטן די גוטע מידות וואס די תורה לערנט אייך, וועט איר אליין געניסן דערפון פיל גוטס.

אויך אין דער היינטיקער סדרה ווערט די דאָזיקע פּראַקטישע לערע איבערגע׳חזר׳ט, און שוין ביים סאמע אָנהויב ווערט די נויטיקע ווארנונג שטארק באַטאָנט. והיה עקב תשמעון — אז איר וועט זיך צוהערן צו מיינע מצוות, וועט אויף אייך קומען א ברכה. רש״י דערקלערט דאָ די באדייטונג פון דעם איבריקן וואָרט עקב, אז עס מיינט דאָס די ברכות וועלן קומען בלויז דאמאָלט ווען מען וועט זיך צוהערן אפילו צו די גרינגע און לייכטע מצוות, וואס דער מענטש איז געוואוינט צו טרעטן מיט די פיס.

יעדער דערוואקסענער מענטש ווייסט די פארברעכערישקייט פון באגיין א גנבה אָדער הרג׳ענען א מענטשן. דער אייגענער געוויסן דיקטירט יעדן איינעם פון אונז ניט צו באגיין

קיין קרימינעלע טאַט. אין אונזער טאָג־טעגלאכן לעבן באַגעגע־נען מיר זיך מיט קרימינעלע אקטן וואס ווערן באגאנגען ביי שלעכטע און פאַרדאָרבענע מענטשן און אונזער צאָרן ברענט אויף און מיר פאַראכטן זיי מיט פולער פאַרדאמונג. אַ מענטש מיט אביסל מאָראל און געווויסן וועט די ביישפילן ניט נאָכטאָן.

גאַנץ אנדערש איז עס אבער מיט א פאַרברעכן וואס ווערט ניט פאַרעכנט אלס א קרימינעלער אקט, נאָר איינפאך אן עולה אָדער עבירה. אזעלכע קליינע און אומבאמערקבארע עבירות מאַכט מען געוויינטלאך אוועק מיט דער האנט און מען באגייט זיי גאָר אָן געוויסנביסן.

אין אונזער תורה, ווי להבדיל אין די געזעצגעבונג פון די פילע פעלקער, געפינען זיך אָן א צאָל אזעלכע פאַרשריפטן וואָס ווערן געטראָטן מיט די פיס ווי זיי וואָלטן געווען פון אומוויכ־טיקער באדייטונג און נוצלאָז. דער אמת איז אבער אז יעדעס געזעץ, דאָס לייכטערע ווי דאָס הארבערע, איז נויטיק פאר דער אויפהאלטונג פון דער מאָראַל און אָרדענונג. איבער אַ גרויסן בארג פאלט מען קיינמאָל ניט — זאָגט די וועלט. געשטרויכלט ווערט מען דוקא איבער א קליין זאמדעלע אָדער שטיינדל וואס מען זעט קוים ארוים.

און אָט די דאָזיקע נויטיקע וואָרנונג גיט אונז טאקע די תורה אין דער היינטיקער סדרה דורך דעם איבער׳חזר׳נדיקן וואָרט: עקב. והיה עקב תשמעון — אז איר וועט זיך צוהערן צו די לייכטע געבאָט, די דאָזיקע געזעצן וואס איר זענט גע־וואוינט צו טרעטן מיט די פיס, וועלן קומען אויף אייך ברכות און איר וועט דערפון געניסן אויף ביידע וועלטן.

מיט ציטערנדיקע טריט טרעט איך היינט אריין אין דער אידישער קהלה אלס בר מצוה, אלס איד און מענטש מיט גרויסע

פארפליכטונגען. אלס דרייצניעריק קינד, דער פּרי־הבטן וואס גאָט האָט מיט רחמנות מיינע עלטערן געשאָנקען, האָב איך מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו דער פּראַקטי־שער וואָרנונג פון דער היינטיקער סדרה, דעם והיה עקב תשמעון.

אַלס יונג קינד בין איך מער ווי אנדערע מסוגל איבערצו־טרעטן אָט די דאָזיקע קליינע עבירות און דאדורך געשטרויכלט צו ווערן. די וואָרנונג פון דעם והיה עקב תשמעון איז דארי־בער א מער פּאסנדע און נויטיקע פאר דער יוגנט, די קליינע אומערפארענע בר מצוה קינדער.

דאָך פיל איך זיך אין דעם איצטיקן וויכטיקן מאָמענט פון מיין לעבן מער אָדער ווייניקער זיכער און מוטיק אָנצונעמען אלע פּארפליכטונגען פון אונזער גרויסער תורה, און דאס נאָר אַ דאנק מיינע ליבע עלטערן וועלכע האָבן מיר געגעבן א אי־דישע דערציאונג און אליין דורך זייערע אָרנטלאכע און גאטס־פּאָרכטיקע האנדלונגען מיר געוויזן דעם ריכטיקן לעבנס־וועג.

האָבנדיק מיינע עלטערן אלס וועג־ווייזער און די תורה אלס הייליקע לערע, איז עס פאר מיר, האָף איך, אוממעגלאך צו באַ־גיין חלילה א וועלכן עס איז פארברעכן, קליין אָדער גרויס, וואָס איז ניט אין איינקלאנג מיט די אידישע מידות און זיטן.

איך באנוץ זיך טאקע דאָ מיט דער געלעגנהייט אויסצו־דריקן מיין הארציקן דאנק צו מיינע ליבע עלטערן, און פיל זי־כער, אז דער גוטער גאָט וועט זיי באלוינען מיט געזונט, לאנג לעבן און פרנסה, אָמן.

ר א ה

חשוב׳ע צוהערער און פריינט:

וואָס פאר א וועלט מיט דורכלעבונגען, וואס פאר א קוואל פון דערפארונג, וואָס פאר א רייכטום פון געדאנקען ווערט אויס־געשפּראָכן אין די דערעפענונגס ווערטער פון היינטיקער סדרה: ראה, אנכי נותן לכם היום ברכה וקללה, — זעט, איך גיב פאר אייך היינט, די בענטשונג און די פאַרשעלטונג.

אָט דער דאָזיקער פסוק דריקט אוים דעם באלאנס פון אלע מצוות, דעם סך־הכל פון אלע עברות, דעם שכר און עונש וואס ווערט אָנגעוויזן ניט נאָר אין דער תורה אין באצוג צו גאָט, נאָר אויך אין דער היים, אין שול און אין גאַס, אין באצוג צו מענטש־לאכקייט, גערעכטיקייט און גוטע זיטן.

די ערשטע לערע וואס א קינד קריגט אויף דער וועלט איז די פון באלוינונג און שטראָף. פאָלגט ער ניט די עלטערן, דער־פילט ער ניט דעם פארלאנג פון די לערער, טוט ער ניט די פאסנ־דע זאך אין גאס, מוז ער דאן וויסן אז לפתח חטאת רובץ, — אז ביי די טיר שטייט און וואַרט זיין שטראף וואס ער דארף פאר זיינע זינד קריגן.

אין אמת׳ן האָט היינטיקע סדרה זיך גענדארפט אָנהויבן מיט דעם וואָרט שמע — הער! אנשטאט דעם וואָרט „ראה“ — זע! ווייל ווערטער הערט מען, אָבער מען זעט זיי ניט. נאָר אזוי ווי מיר האלטן איצט ביי משנה תורה, אוואו אלע מצוות און פארזאָגן ווערן צענויפגערעכנט און איבערגע׳חזר׳ט; וואו

די באשרייבונג פון אלע דערפארונגען און דורכלעבונגען אין דער תורה ווערן לסוף באריכטעט, קלינגט דאָ בעסער דער אויס־דרוק ראה — זע! עס ציט אונזער אויפמערקזאמקייט אויף די פילע פעלערן וועלכע זיינען באגאנגען געוואָרן אין אלע דורות, ווי למשל, די זינד פון אָדם און חוה, דער דור המבול, סדום ועמורה, קרח און זיין געמיינדע, מעשי העגל — פעלערן פון וועלכע מיר קאָנען אראָפּנעמען א מוסר השכל. זאָגט די סדרה: ראה — זע! באטראכט! האָט זיך געלוינט אזעלכע פעלערן צו באגיין? דו דארפסט תמיד וויסן, אז ווען דו וועסט טאָן גוטעס, וועלן אויף דיר קומען ברכות, חלילה ניט, קומען די קללות.

אַט שטיי איך איצט אלס בר־מצוה אויפ׳ן שוועל פון אי־בערגאנג. איך פארלאָז דעם וועג פון יוגנט און קינדהייט און הויב אָן צו גיין אויפ׳ן וועג פון זעלבסטשטענדיקייט, דאריבער איז ראטזאם איך זאל זיך גוט אריינטראכטן אין די ווערטער פון די סדרה. פונקט ווי מיינע עלטערן און לערער, אזוי פאָדערן פון מיר אויך די ווערטער פון דער סדרה צו מאכן א באלאנס, א סך הכל, פון מיינע טעטיקייטן ביז איצט און צו זען צי עס האָט זיך געלוינט צו באגיין פעלערן. וואָלט איך מער געלערנט, וואָלט איך אויך מער וויסנשאפט פארמאָגט; וואָלט איך בעסער גע־פאָלגט מיינע עלטערן און ראטגעבער, וואלט איך אויך שטאַרקער און בעסער אויסגעוואקסן. קענן אונזער וויסן און קענן אונזער אייגענעם ווילן גייט דער שכר און עונש תמיד האנט אין האַנט מיט אונזערע טעגלאכע האנדלונגען. דערפאר דארפן מיר זיך תמיד אָנשטרייגגען, אז אונזערע מעשים זאָלן זיין אויסגערעכנ־טע און ווירדיקע בכדי מיר זאָלן געניסן פון באלוינונג און ניט פון שטראָף.

ליבע און טייערע עלטערן, איך וויל אייך איצט פארזיכערן אַז אייערע טאָג־טעגלאכע באהאנדלונג און לערע זיינען ניט גע־

וועגן אומזיסט. פארקערט, זיי האָבן געפונען א טיפן אָפּ־קלאנג אין מיין הארצן. איך וועל תמיד געדיינקען און האלטן הייליק אייערע פארלאנגען, און איך וועל זיך אָנשטריינגען זיי צו דערפילן. איך ווייס איצט, אַז איר זייט אויסן געווען נאָר מיין אייגענע טובה. אפילו ווען איר זייט אמאָל אויף מיר אין כעס געוואָרן, איז עס געווען נאָר צוליב דעם וואס איר האָט גע־וואָלט פון מיר זען נאָר די שענסטע און בעסטע באנעמונג. איך האָף, אז גאָט וועט אייך איצט באצאָלן פאר אייער ערלאכער האנדלונג און אז דער ליבער גאָט וועט מיר אויך העלפן אייך צופרידנצושטעלן אין דער צוקונפט און צו פארשאפן אייך, ליבע עלטערן, גרויס פארגעניגן און נחת, אמן ואמן.

שופטים

שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ה׳ אלהיך נותן לך לשבטיך ושפטו את העם משפט צדק — ריכטער און אויפזעער זאָלסטו דיר מאכן, און זיי זאָלן משפטן דאָס פאָלק א גערעכטן משפט.

חשוב׳ע עלטערן און פארזאמלטע:

אידן האָבן תמיד געהאַט זייערע גערעכטע שופטים, און אויך היינט האָבן מיר שופטים און שוטרים, אידן וואס גיבן אָפּ זייער צייט פאר׳ן כלל ישראל און העלפן מיט אין דער אויפהאלטונג פון די אידישע אידעאלן פון יושר און צדק.

איר, מיינע טייערע עלטערן, זענט מיינע שופטים. אַלע מיינע יאָרן האָט אייער אויג אויף מיר געוואכט איך זאָל זיך דערציען אויפ׳ן דרך הישר, אויפ׳ן וועג וואס איז דורכאוים צדק.

ערשט איצט פארשטיי איך די וויכטיקייט פון האָבן שופטים און פירער. ווען נישט אונזערע טרייע און איבערגעגעבענע פירער, ווער ווייסט אויב מיר וואָלטן נאָך איצטער געהאַט א קיום, צי מיר וואָלטן נאָך איצט געווען אזא גרויס עקזיסטירנדיק פאָלק. אונזערע געדאנקען זיינען תמיד געווענדט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. צוליב אונזער שווערן געראנגל פאר אונזער עקזיסטענץ, ווערן אָפּט אונזערע כחות אָפּגעשוואכט און מיר פארזען דאָס סאמע וויכטיקסטע, די הויפּט־פרינציפּן פון אונזער אמונה. און אָט די דאָזיקע פירער אונזערע שטייען עם אויף דער וואך און וועקן אונזער געוויסן.

א דאנק אייך, ליבע עלטערן, וואס איר זענט געווען מיינע שופטים און מיך גע׳משפט מיט צדק, א דאנק אויך אונזערע פי־רער, וועלכע האָבן מעגלאך געמאכט איך זאל קריגן אן עכט אידישע דערציאונג, פיל איך זיך איצט בכח אויפצונעמען די גרויסע פאראנטוואָרטלאכקייטן און פליכטן וואס די אידישע אמונה לייגט אויף מיר אלס בר מצוה ארויף.

איצט, ווען איך טרעט אריין אין דער פעריאָדע פון א נייעם לעבן, פון א לעבן פון א דערוואקסענעם אידן מיט דער פולער אחריות און ערבות, ווענד איך מיין געדאנק צו דעם זייער לאָגישן באפעל פון שופטים תתן לך — ריכטער און אויפזעער זאָלסטו דיר מאכן. אויך איך דארף זיך היינט אויסקלייבן ריכטער און אויפזעער, וואס זאלן מיר אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. און איך האב זיי טאקע אויך אויסגעקליבן — מיין פאָלק ישראל און זיין תורה הקדושה. צום וועג פון מיין פאלק און זיין אמונה וועט זיין געווענדט מיין ריכטונג. מיין לעבן וועט זיין זייערס, און זיי וועלן זיין דער תוך און תמצית, דער אינהאלט און קערן פון מיין דענקען און פילן.

איך האָב לויט די כחות און מעגלאכקייטן דערהאלטן א אידישע דערציאונג און דערלערנט אונזער שפראך, ליטעראטור און געשיכטע, און מיט אזא גייסטיקער אמוניציע האָף איך צו פירן א לעבן אין אידישן גייסט און דאמיט פארשאפן פרייד און פארגעניגן מיינע עלטערן און פריינד.

מיינע ליבע עלטערן האָבן אָן ספק פארדינט צו האָבן פון מיר נחת און פרייד, און איך האָף צום בורא עולם, אז ער וועט עם זיי געבן אין גאָר א גרויסער מאָס, אָמן.

כי תצא

ליבע עלטערן און פריינט:

מען האָט פאר מיר איצט געלייענט: כי תצא למלחמה על איביך — דאָס הייסט, איך שטיי ביי ארויסגאנג אויף א מלחמה מיט מיינע שונאים.

עס איז א גרויסע אָנשטרענגונג; א פארליינגערטער שטרייט; א דויערנדיקע אָפענסיווע וואס א בר־מצוה דארף דורכמאכן צום דרייצן־יאָריקן געבורטסטאָג, ווען די עלטערן שטעלן אים אוועק אינמיטן פון דער גרויסער ברייטער וועלט, און זאָגן צו אים: „ברוך שפטרני" — גיי, זוך אליין דיין וועג מיט די באשריינקטע וויסנשאפט און קליינע דערפארונג וואס דו פארמאָגסט, טאָפ די ווענט, בלאָנדזשע אויפ'ן שלאַכטפעלד פון לעבן, שטרייטנדיק מיט דיינע שונאים, וועלכע האָבן דיך אין דיין יוגנט גענאַרט!

עס איז אמת, אז מיין מלחמה איז ניט בחיל ולא בכח כי אם ברוחי" — ניט א שלאכט מיט סאָלדאטן און הארמאָטן, נאָר מיט די גייסטיקע נייגונגען פון מיין יוגנט; די פוילע געוואוינ־הייטן, די איינגעזאמלטע פעלערן, די קינדערשע נארישקייטן, וועלכע זיינען די שונאים פון יעדעם קינד.

עס איז אויך ניט א מלחמה ווי אונזערע אבות האָבן גע־פירט פון געטלאכקייט קעגן געצנדינעריי; פון וויסנשאפט קעגן אָבערגלויבן, נאָר אין אן אנדערן זין איז עס א מלחמה קעגן די גוי'אישע אטמאָספערע פון פאָבליק סקול און ניט־אידישע סביבה פון דער גאַס.

דאָך בין איך זיכער אז איך בין ניט אינגאנצן אליין אין דער שלאכט. דער אויפפּאַסנדער בליק פון מיינע עלטערן און פריינד וועלן מיך ניט לאָזן ווייט וואַנדערן, ווייל די תורה זאָגט, אַז אימיצער פארבלאָנדזשעט: „לא תוכל להתעלם“ — טאָרט איר זיך ניט אָפּקערן און אָפּלאכן, נאָר פארקערט, איר מוזט אים העלפן. איך בין ווי א בלינדער אויף מיין נייעם וועג און עס שטייט אין דער תורה, אז „לפני עור לא תתן מכשול“ — אז מען טאָר ניט מאכן קיין שוועריקייטן פאר די יונגע אומוויסנדע אומגעאיבטע חברים.

„מוצא שפתיך תשמר ועשית“ — זאָגט צו מיר ווייטער די היינטיקע סדרה. איך זאָל היטן וואס איך זאָג צו! איך זאל געדיינקען וואס איך פארשפּרעך.

גאנץ אָפט ווערן בר־מצוה קינדער קריטיקירט, אז זייערע ווערטער זיינען ניט קיין אמת׳ע, אז זייער אבזיכט איז ניט קיין ערנסטער, אז אזוי גיך ווי די בר־מצוה צערעמאָניע איז פאָר־איבער ווערן אלע הבטחות פארגעסן.

דאָס איז פּילייכט אמת מיט די קינדער, וועלכע דארפן ביי דער צייט דורכמאכן א גרויסע ענדערונג; וועלכע דארפן אויס־רייסן דאָס שווארצע, פארפלעקטע בלאט פון זייער לעבן און אָנהויבן שרייבן אויף א נייער און ריינער זייט. אויף וויפיל מיר איז באקאנט, גלויב איך, אז איך בין ניט באַגאַנגען קיין גרויסע חטאים און דארף זיך ניט שטעלן פאר׳ן משפט צוליב מיין פארגאנגענהייט.

דאריבער וועל איך זיך ניט קלאָגן אויף מיין עבר און וועל אויך ניט פארשפּרעכן קיין וואונדער אויפ׳ן עתיד. וואָס איך זאָג צו איז ניט אָנפאנגען אויף ס׳ניי, נאָר ווייטער פאָרזעצן מיין אַרבעט: לערנען נאָך, דאווענען מער, פאָלגן בעסער די עלטערן,

אָנטאָן פארגעניגן די וועלכע האָבן זייער מי און ענערגיע מיר געשיינקט.

איך האָב מיינע ליבע עלטערן צו פארדאנקען פאר אלץ וואס איך פארמאָג איצט. עס איז זייער שטענדיקע ליבע און פאַר־זיכטיקע אויפברייננגונג וואס האָט מיך געבראכט צו די גליק־לאכע שעה׳ן אין מיין יונגען לעבן, און גלייכצייטיק איז עס אויך א פריילאכער מאָמענט אין זייער לעבן.

און אזוי ווי היינט ווייסן זיי ניט פון קיין צער און ערגערניש, זאָל גאָט געבן אז אין זייערע איבעריקע יאָרן זאָלן זיי ניט ווייסן פון קיין צרות און קראנקהייט, זיי זאָלן אלע מאָל האָבן בלויז נחת און פרייד. אמן.

כי תבוא

פריינט און פארזאמלטע:

די היינטיקע סדרה זאָגט אונז אָן: והיה כי תבוא אל הארץ, ולקחת מראשית כל פרי... והנחתו לפני ה׳ אלהיך — ווען דו וועסט אריינקומען אין דעם געווינטשטן לאנד, זאָלסטו נעמען דיין ערשט־צייטיקע פרוכט און עס געבן א מתנה צו גאָט.

דאָס סאמע ערשטע פון אלע ארבעטן, פרוכטן און פאר־דינסטן געהערט צו גאָט. מיר מוזן נעמען דעם אייביקן אלס א שותף צו אלע אונזערע אונטערנעמונגען, כדי מיר זאָלן קאָנען האָבן דערפאָלג. אזוי האָט זיך אויך ענטוויקלט ביי אונז דער מנהג פון א בר־מצוה דרשה. דאָס מיינט, אז ווען א אידיש קינד דערגרייכט די געווינשטע שטופע פון נאַציאָנאַלער גלייכ־הייט און רעליגיעזע זעלבסטשטענדיקייט, זאָל ער אויך זיינע ערשטע פרוכט געבן אלס אן אָפּפערונג צו גאָט.

וואָס זיינען מיינע ערשטע פרוכט? דאָס זיינען ניט פרי האדמה, פרוכט וואס איך האָב פארזייט אין פעלד; עס איז אויך ניט פרי העץ, פרוכט וואס וואקסן אויף א בוים, נאָר דאס איז די לערע און וויסן וואס מיינע עלטערן און לערער האָבן אין מיר איינגעפלאנצט דורך די דרייצן יאָר פון מיין קינדהייט.

דרייצן יאָר כסדר האָבן מיינע ליבע עלטערן און געטרייע דערציער מיר געווידמעט זייער ענערגיע, ווילן און צייט. אזוי ווי דער ערד־ארבעטער פארזייט און פארפלאנצט דאָס פעלד מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, אזוי האָבן מיינע עלטערן אין מיר פאר־פלאנצט אידישע מדות, און מיך געלערנט צו גיין אין גאָט׳ס וועגן איך זאָל אויסוואקסן א טרייער איד און גוטער חבר צו דער גאנצער מענטשהייט.

איך שטיי איצט ביים סוף פון דער סדרה כי תצא און ביים אָנהויב פון דער סדרה כי תבוא אין מיין אייגן לעבן, ביים אַרויס־גאנג פון דער תקופת הילדות און ביים אַריינטרעטן אין דער תקופת השחרות. איך פאַרלאָז די קינדער־יאָרן און טרעט אַריין אין דער גרויסער, ברייטער וועלט אלס דערוואַקסענער איד וואו עס ברויזט און ליאַרעמט, רוישט און טומלט.

עס איז גאנץ לייכט דעם אייגענעם איך צו פאַרלירן און צו פאַרבלאָנדזשען אין פרעמדע גערטנער פון קולטורן, אנשויאונ־גען און טעאָריעס. די פאַרזיכטיקע פאַרזייאונג, די גוטע דער־ציאונג וואס מיינע עלטערן האָבן מיר געגעבן, האָף איך, וועט מיך אָבער פאַרהיטן; די פרוכט פון מיין יוגנט, די גרסא דינקותא, וועט מיך, האָף איך, תמיד דערמאָנען אָן אן אנדער שיינעם געדאנק, וואס איך האָב געלערנט: כי תבא בכרם רעך ואכלת ענבים כנפשך שבעך, ואל כליך לא תתן — אויב דו וועסט אמאָל אריינטרעטן אין א פרעמדן וויינגאָרטן און פון דאָרטן זיך אָנעסן צו זאַט, זאָלסטו אָבער די דאָזיקע פרעמד־קייט ניט אריינברייגען אין דיין אייגענעם איך נאָר זאָלסט עס אָנקליידן אין א אידישן לבוש און אידישן גייסט.

איך פיל, אז עס איז א שטאָלץ צו זיין א איד, און האָף אז מיר וועט בכלל ניט שווער זיין אָפצושאצן די אידישע אידייען. מיינע ליבע עלטערן האָבן מיר דאריין מיטגעהאָלפן. זיי האָבן מיך געלערנט אונטערצושיידן גוטס פון שלעכטס, פון מותר און אסור, און איך וועל זייער לערע זיך באמיען תמיד צו געדענקען. דאריבער האָף איך, אז גאָט וועט צופרידן זיין אָנצונעמען מיין ערשטע פרוכט, מיין ערשטע מתנה וואס באשטייט פון אן ערנסט און הייליק פארשפרעכן און וועט מיך און מיינע עלטערן בענטשן מיט ברכת טוב, אָמן.

נצבים

רבותי:

אנכי נצב היום לפני אלהינו, ולפני ראשינו, שבטנו, זקננו ושוטרינו, כל איש ישראל, — ווי משה רבינו שטיי איך היינט פאר גאָט, פאר אונזערע פירער, שבטים, אלטע לייט און באַאַמטע, פאר דאָס גאנצע אידישע פאָלק. לעברי בברית ה׳ אלהינו — כדי צו מאכן א בר־מצוה בונד מיט מיין גאָט אלס איד און מענטש. די אָפּשייד־ווערטער פון אונזער גרויסן געזעגן־געבער זיינען מיר טיף אריינגעדרונגען אין מיין הארצן.

משה רבינו האָט געזאָגט צום פאָלק: כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום — אָט די דאָזיקע מצוה וועלכע איך פאַרזאָג דיר היינט, איז גאָר ניט קיין שווערע אָפּצוהיטן. זי איז ניט ערגעץ וואו אין הימל, אז מען זאָל דארפן אהין ארויפקלעטערן, זי איז אויך ניט ערגעץ וואו אויפ׳ן אנדערן זייט ים, אַז מען זאָל דארפן אהין אריבערשווימען. די מצוה איז דאָך גאָר נאָענט.

אין אמת׳ן איז טאקע גאָר ניט שווער צו זיין א איד. אונזערע מצות זיינען גאָר ניט קיין פארבאָרגענע ווי ביי פילע פון די אנדערע פעלקער, וואס קיינער אחוץ דער רעליגיעזער פאָרשטייער איז דערלויבט צו לערנען און היטן. זיי זיינען אויך ניט ווייט פארוואָרפן מען זאָל דארפן וואנדערן איבער ימים און מדבריות זיי צו דערגרייכן. אויב עס זיינען יאָ אמאָל געווען שוועריקייטן, זיינען זיי שוין לאנג באזייטיקט געוואָרן. משה רבינו איז ארויף אויפ׳ן הימל און פון דאָרטן אונז די עשרת

הדברות אַרונטערגעבראכט; ער האָט דעם ים געשפּאָלטן, און דאָס פאָלק אין מדבר אריינגעפירט, און ערשט דאמאָלט זיינען מיר מסוגל געוואָרן צו מקבל זיין די תורה. אבער איצט איז גאנץ לייכט צו זיין א איד, און יעדער איינער קען עס דערוויַיזן.

אונזער רעליגיע איז א פּראקטישע, וואס מען קען געברויכן ביים לעבן, און ניט קיין פאנאטישע וואס הויבט זיך אָן ערשט נאָכ'ן טויט. מיר פאָדערן ניט קיין מענטשלאכע קרבנות, אומ־זיניקע פארלאנגען, זיך צו פארשליסן אין די טויערן פון א קלויסטער אָדער זיך אָפּצוזאָגן פון וועלטלאכע פארגעניגענס. נאָר פארקערט, א פרומער איד געניסט פון עונג שבת, פון עונג יום טוב און האָט נאָך אנדערע גייסטיקע פארגעניגענס. די מצות אונזערע זיינען אויך פארשטענדלאך און פּראקטיש, יעדע איינע האָט א טעם און באדייטונג און דערפירט צו א העכערער שטופע פון ענטוויקלונג און ציוויליזאַציע אלע די וואס היטען זיי אָפּ. און ווי נאָענט די גאנצע רעליגיע איז, דריקט משה רבינו אויס אין דער פראזע מפיך ולבבך — פון דיין מויל אין דיין הארץ.

יא, פריינט, גאָר א נאָענטע שטרעקע אבער פיל מאָל גאָר א וויַיטע. עס נעמט אמאָל יאָרן דיינקען, פאָרשן, טראכטן און לעבן ביז וואנען דאָס הארץ איז צוגעגרייט צו טאָן אָט דאָס וואָס דאָס מויל פארשפּרעכט. עס איז גאָר לייכט צו זאָגן, אבער פיל מאָל זייער שווער צו טאָן. אויסצודריקן א פארלאנג פאָדערט אָפּט קיין אָנשטריינגונג, קיין נאָכדיינקונג, קיין איבער־טראכטונג, אבער אמת'ע מעשים, דעם פארלאנג אויסצודריקן בפועל ממש, פאָדערט ענערגיע, לעבהאפטיקייט און קראפט.

דורך די לעצטע דרייצן יאָר האָב איך געהאט א געלעגנהייט צו פאָרשן, שטודירן און דערלערנען די פליכטן וואס מיינע איצ־טיקע פארשפּרעכונגען פאָדערן. דאַריבער האָף איך, אז דער

מרחק פון מויל צום הארצן וועט זיין א נאָענטער. איך בין זיכער, אז די הייליקע תפילין וועלן מיר העלפן מיינע צוזאָגונגען צו דערפילן. דער של ראש מיט'ן של יד וועלן צע־נויפבינדן מיין מח וואס באוועגט דאָס מויל צום רעדן, מיט מיין האַרצן וואס באוועגט מיין האנט צו טאָן מעשים. עס וועט מיר העלפן אויסצוקלייבן גוטעס און אויסצומיידן שלעכטעס; צו גע־ניסן דעם חיים און דערוויטערן זיך פון מות; צו זיין א ברכה צו מיינע ליבע עלטערן און א טרייסט צו מיין פאָלק; צו שאפן פארגעניגן צו די וואס האָבן יאָרן לאנג זיך אָפגעגעבן מיט מיין דערציאונג און בילדונג, מיט מיין לעבן און פרייד, מיט מיין גליק און זיכערקייט, און זאל דער שעפער באלוינען מיינע ליבע על־טערן מיט דער פולער האנט. אמן.

וילך

ליבע עלטערן, טייערע פריינט און פארזאמלטע:

מיר האָבן אָט ערשט געלייענט די פאָלגנדיקע ווערטער: הקהל את העם, האנשים והנשים, והטף, וגרך אשר בשעריך — וואָס מיינט, משה פארזאָגט דעם אידישן פאָלק אז אין יאָר פון שמיטה זאָל זיך דאָס פאָלק פארזאמלען אין בית המקדש און דאָרט זאָל פאָרגעלייענט ווערן די תורה פאר אלעמען, פאר די מענער און פרויען, פאר די קליינע קינדער, און דעם גר וואס איז ביי דיר.

די מצוה פון לייענען די תורה איז איינע פון אונזערע הייליקסטע, און אונזערע חכמים האָבן מתקן געווען, מיר זאָלן לייענען די תורה ניט איין מאָל אין זיבן יאָר, אין דעם יאָר פון שמיטה, נאָר פיר מאָל א וואָך, און שוין העכער פון צוויי טויזנט יאָר אז מיר טוען אזוי. דער צוועק פון דאָס דאָזיקע לייענען איז למען ילמדו, ויראו את ה׳, אָן דער תורה קענען מיר ניט פארשטיין די גאָטהייט. ובניהם אשר לא ידעו, זאָגט ווייטער די היינטיקע סדרה, אז די קינדער וועלכע ווייסן, נעבעך, ניט די תורה אָדער זיינען ניט באקאנט מיט אונזערע דינים און מנהגים, ישמעו ולמדו, דארפן זיי זיך צוהערן, זיך לערנען און דאמאָלט וועלן זיי אויך פארשטיין ליראה את ה׳ — מורא צו האָבן פאר גאָט.

מען מוז דעם יונגען דור דערציען; מען מוז אים א אידישע אטמאָספערע שאפן. עס איז אונזער הייליקע פליכט צו שאפן פאר זיי די מעגלאכקייט צו קענען פארווירקלאכן די מצוה וואס איז פארזאָגט געוואָרן אין דער היינטיקער סדרה, דעם ישמעו ולמדו ליראה את ה׳.

מיך פרייט עס אייך צו זאָגן, טייערע פריינט, אז מיינע ליבע עלטערן האָבן זיך אָנגעשטריינקט מיט אלע זייערע מעג־לאכקייטן מיך א סך יאָרן צו שיקן אין חדר צו לערנען און פארשטיין ליראה את ה׳. און היינט ווען איך בין אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה און געהאַט אן עליה, איז מיר אַריינ־געפאלן דער געדאנק, אז דורך די מצוה פון למען ישמעו ולמדו, קענען מיר זיך רעכנען פאר אן עם חכם ונבון, אלס א פאָלק פון חכמה און פארשטאַנד.

איך דאנק אייך, ליבע און געטרייע עלטערן, מיט דעם גאנצן פייער פון מיין נשמה, פאר אלץ וואס איר האָט געטאָן פאַר מיר. איך ווייס די פילע שוועריקייטן וואָס עלטערן דארפן דורכמאכן מיט זייערע קינדער, אבער מער פאר אלץ דאנק איך אייך פאר דער גוטער אידישער דערציאונג, וואָס איר האָט זיך באַמיט איך זאָל קריגן.

היינט אין דעם טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך פאַר־פליכטע זיך צו זיין געטריי אונזער תורה, ווייס איך, אז אירע געזעצן און מצות וועלן מיר ניט זיין שווער צו פאַרשטיין און צו מקים צו זיין וואָס א בר־מצוה דאַרף טאָן, ווייל די תורה וועל־כע איך נעם היינט אָן, איז גאנץ קלאָר און פאַרשטענדלאך פאר יעדן מענטשן, און איבערהויפט פאר א קינד וואס איז געגאנגען אין חדר און א סך געלערנט. איך בין דערפאר אייך, מיינע ליבע, זייער דאנקבאר. מיין הארץ איז איצט אָנגעפילט מיט גרויס שמחה און פארגעניגן וואס איר זייט דאָ מיט מיר, ווייל איך ווייס וויפיל איר האָט געזאָרגט פאר מיר יעדן טאָג און יעדע שעה.

אין א הארציקע תפילה בעט איך דיך גאָט! גיב מיר גענוג כח און מוט צו מקים זיין דאָס וואס איך זאָג צו. גיב מיינע ליבע עלטערן אריכת ימים, גליק און פרייד, אָמן.

סוכות

מיינע ליבע און חשוב׳ע צוהערער:

בסוכות תשבו שבעת ימים. זינט די אידן זיינען ארוים פון מצרים האָט אונז גאָט פארזאָגט צו זיצן זיבן טעג אין א סוכה. עפעס א מאָדנע געביידע איז די סוכה, א זכר פון אלטע צייטן. היינט, ווען מיר וואוינען אין די טייערסטע אפארטמענט הייזער, ווען מיר זוכן נאָר בעסערע וואוינונגען; ווען מיר אנטלויפן פון אידישן קווארטאל זיך צו באזעצן אין שענערע געגענטן, וואָס פאר א באדייטונג האָט די סוכה מיט אירע פיר אָרימע ווענט, מיט אירע אלטע פארפוילטע ברעטער, מיט איר צעלעכערטן דאַך, וואס קאָנען קוים ביישטיין דעם ווינט און רעגן? מאי קאָ משמע לן די סוכה, וואס קומט זי אונז צו זאָגן? זי דערציילט אונז אלטע מעשיות פון א פאָלק גאָר א שטאַרקס, א פאָלק וואָס האָט ימים איבערגעשוואומען, מדבריות דורכגעטראָטן, פעלקער ביינעקומען און אימער ארוים דער זיגער; א פאָלק שטארק ווי אייזן, וואס האָט דעם ווילן קיינמאָל ניט געבראָכן, דעם גלויבן ניט געביטן, און שטייט נאָך היינט גרייט ווי אמאָל צו פאר־שפרייטן די גרויסע אידייען פון אידישקייט.

די סוכה פארבינדט דעם אידן פון היינט מיט דעם ישראל פון אמאָל. די סוכה רופט צו אונז מיר זאָלן ניט פארגעסן אונזער אָפשטאָם, אונזער געשיכטע. זי זאגט אונז: „גייט בני ישראל, פראָגרעסירט אין דער וועלט פון אונטערנעמונג, אבער פאַרגעסט ניט פון וואנען איר קומט; פארגעסט ניט אָן אייער תורה, אייער גאָט און אייער רעליגיע.

מיר זאָגן, אז די אידן האָבן געוואַנדערט פערציק יאָר אין מדבר, אבער אין אמת׳ן האָבן זיי מער גערוט ווי געוואַנדערט, מער געזעסן ווי געגאַנגען, און איבערלייגט און איבערגעטראַכט יעדן שריט וואס זיי האבן געמאכט. מיר טאָרן איצט אויך ניט לאָזן אונזערע שטרעבונגען און האָפענונגען אוועקלויפן פון אונז. מיר מוזן זיך אוועקזעצן איינמאָל אין יאָר אין דער אלטער געביידע, די סוכה, וועלכע דערמאַנט אונז וועגן אמאָליקע צייטן און אביסל איבערקלערן וועגן אונזער צוקונפט. די סוכה פאַרבינדט דעם היינט מיט דעם מאָרגן, די יונגע מיט די אלטע אין איין פאַרבאַנד.

אָבער ווען זאָל סוכות געפייערט ווערן? „באספך, מגרנך, ומיקבך" — ווען מען זאַמלט איין די ערשט־צייטיקע און די פאַרטיקע תבואה. די סוכה פאַרטרעט אלטקייט, חג האסיף — די יוגנט, אבער אָן די תבואה און פירות קאָן קיין פאַסיקער סוכות ניט זיין; די פאַרטיקע תבואה וועלכע איר זאַמלט היינט אַריין, איז דער נייער חבר וועלכער שטייט איצט פאַר אייך אלס בר־מצוה. נישט נאָר מוזן מיר זיך אָפּגעבן מיט דער אלטער סוכה, אָבער מיר מוזן אויך זען אז עס זאָל זיין וואס אריינצוקלייבן פון די תלמוד־תורות און בתי־ספר, אונזערע יונגע פירות. פאַר דעם דאַרפן מיר ארבעטן ניט נאָר א טאָג פאַר יום־טוב נאָר טאָקע א גאַנצן יאָר. ווען קען מען זיצן רואיק אין סוכה? ווען מען האָט א גאַנצן יאָר געזייט און געפלאַנצט, אָבער ווען מען טוט גאָר ניט א גאַנצן יאָר איז דאָס סוכה זיצן קיין יום־טוב ניט.

איך בין געזעסן דורך די דרייצן יאָר פון מיין קינדהייט אונטער דער פאָרזיכטיקער השגחה פון מיינע ליבע און געטרייע עלטערן אין א הויז פון רו און צופרידנהייט. אבער היינט זעצן זיי מיך אוועק אין דער אָפענער סוכה אוואו פאַרשידענע ווינטן בלאָזן פון אלע זייטן. עס איז דאָ דער ווינט פון אנטיסעמיטיזם,

דער ווינט פון גלייכגילטיקייט, און איך מוז איצט שטרייטן קעגן אָט די אלע שונאים. און אזוי ווי מיינע ברידער זיינען עס אמאָל בייגעקומען, אזוי וועל איך אויך אלץ ביישטיין און ארויס א שטאָלצער איד, טריי צו מיין פאָלק, איבערגעגעבן צו מיינע עלטערן און א פאסנדער מאן פאר דער געזעלשאַפט. אמן.

סוכות

פריינט און פאַרזאַמלטע:

דאָס אידישע פאָלק פייערט ניט נאָר דעם טאָג וואָס עס איז ארוים פון לאנד מצרים, פון שקלאפעריי צו פרייהייט, פון אונ־טערדריקונג צו אמת׳ער דערלייזונג, עס פייערט אויך די דעראי־נערונג פון דעם ערשטן אָפשטעל, וואָס אונזער פאָלק האָט גע־מאכט אויף דעם וועג צו פרייהייט. מרעמסס נסעו סכותה — פון רעמסס זיינען מיר געגאנגען קיין סוכות, און דאָרטן האָבן מיר גערוט.

די סוכה איז דער סימבאָל פון דעם אידישן בטחון. אלע פעלקער לעבן און האָפן, מיר אבער האָפן און לעבן. עס מעגן בלאָזן בייזע ווינטן; מעג דער שטורם טרייסלען די פארפויל־טע ברעטער און שאָקלען די אָרימע סוכה ווי א לולב; מעג דער רעגן גיסן פונ׳ם דאַך און אויסלעשן די בענטש־ליכט; אבער דעם שטן צו־להכעיס זיצט דער איד דאָרט מיט בטחון אין האַרצן און חלומ׳ט די שענסטע חלומות פון והיתה אב המון גוים.

היינט איז מיין דרייצן יאָריקער געבורטס־טאָג. איך ווער מיט מזל א בר מצוה. איך ווער אריינגענומען אין אידישן לאגער אַלס פאָלשטענדיקער מענטש און איד, מיט פולע פאראנטוואָרט־לאכקייטן צו גאָט און דאָס אידישע פאָלק.

מיך שרעקן אבער ניט די פילע שוועריקייטן וואס איך וועל טרעפן אויף מיין וועג אלס איד. דער היינטיקער יום טוב סוכות לערנט מיך צו האָבן בטחון, און האָבנדיק בטחון אין

הארצן, מעגן שוין בלאָזן די שרעקלאכסטע ווינטן, וועלן זיי אלץ קיין שלעכטס טאָן.

די אידישע דערציאונג וואס איך האָב געקראָגן פון מיינע לערער און ליבע עלטערן, וועלן זיין מיינע עמודים: דעם עמוד הענן און עמוד האש, וואס וועלן מיר באלייכטן און באשיינען דעם וועג וועלכן איך הויב איצט אָן צו גיין.

איך וויל דארום פאר קהל ועדה אויסדריקן מיין דאנקבאר־קייט צו אייך, מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, פאר די גוטעס וואָס איר האָט געטאָן מיט מיר די גאנצע צייט. אייער ליבע און צערטלאכקייט האָט מיך תמיד ארומגערינגלט. איר האָט גע־זען דאָס מיר זאל קיין זאך ניט פעלן, מאטעריעל און גייסטיק, איר האָט מיך באזאָרגט מיט אלץ וואס א קינד דארף האָבן פאר זיין נאָרמאלער אנטוויקלונג.

ניט מיט ווערטער נאָר מיט מעשים וועל איך זען אייך פאר דעם אלעם צו באצאָלן. איך וועל זיך אָנשטרייינגען אייך צו פארשאפן פרייד און פארגעניגן. און אין א שטילע תפלה וועל איך בעטן גאָט אז ער זאל שיקן זיין ברכה אויף אונז אלעמען, מיר זאָלן אלע זיין געזונט און גליקלאך.

ופרוש עלינו סכת שלומך במהרה וימינו. אָמן ואמן.

שמיני עצרת

חשוב׳ע עלטערן און פארזאמלטע:

איך פיל זיך גאנץ באזונדער געהויבן וואס מיין געבורטס־טאָג אין צופעליק פארבונדן מיט אַזאַ שיינעם און וויכטיקן יום טוב ווי שמיני עצרת, דער שלום פונ׳ם סימבאָלישן יום־טוב סוכות, און דאס אריינגטרעטן אין דעם אזוי פריילאכן שמחת־תורה. איך זע דארין א גאנץ באזונדערע באדייטונג פאר מיין אייגענעם לעבן, וואס איך דארף באמת ערשט היינט אָנהויבן. די צופעליקייט פון מיין בר־מצוה אין דעם דאָזיקן יום־טוב וויל איך זאל מיר דינען אלס סימבאָל און וועג־ווייזער פאר מיין אייגענעם לעבנס־וועג.

סוכות איז איינער פון די דריי ימים טובים, איינער פון די דריי רגלים אין וועלכן יעדער איד האָט באדארפט עולה רגל זיין קיין ירושלים צום בית המקדש. שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה׳ אלהיך, ולא יראה את פני ה׳ ריקם. דריי מאָל אין יאָר, האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט, זאל יעדער דערוואַק־סענער מאַן זיך באווייזן פאר גאָט און ווען ער וועט זיך שוין באווייזן זאל עס ניט זיין מיט ליידיקן.

אין צייט פון בית המקדש ווען אונזערע תפילות זיינען גע־ווען מער צערעמאָניאל מיט כהנים און לויים, מיט געזאנג און פרייד, מיט קרבנות און געבעט, האָט יעדער איד מיטגעבראכט מיט זיך מתנות פאר׳ן בית המקדש. פון דאָס בעסטע און שענס־טע, פון זיינע תבואות און רינדער, פון זיינע פויגל און פרוכטן, האָט ער זיינע מתנות אויסגעקליבן, און עס געבראכט קיין

ירושלים אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט און ענטוזיאזם. מיט לײדיקן איז קײנער ניט געקומען.

איצט, אז דאס בית המקדש איז חרוב און אונזער לעבן האט פארלארן פיל פון דער אמאליקער שיינקייט, קאנען מיר בלויז ברענגען צו גאט אונזערע געדאנקען און געפילן; מיר קאנען זיך בלויז פרייען מיט דער תורה, וואס מיר האבן אין אלע יארן געהיט ווי די שענסטע און טייערסטע מתנה, און דאדורך, דורך אונזערע אידישע געדאנקען, אויסדריקן אונזער דאנקבארקייט און אונזער אידישער באגייסטערונג.

מיין דאנקבארקייט צו מיינע עלטערן איז א פארשטענדלאכע זאך און עס איז איבריק דא אויסצודריקן. זיי וויסן צו גוט, אז מיין ליבע צו זיי איז אומבאגרענעצט און קאן אפילו ניט געמאסטן ווערן מיט קיין ווערטער. איך בין צו ארים אזעלכע איידעלע געפילן אויסצודריקן. זייערע קרבנות זיינען תמיד פאר מיינע אויגן, און זייער איבערגעבנהייט און ליבע צו מיר וועט מיר תמיד דינען אלס טרייסט אין לעבן.

דאס בעסטע וואס איך קאן אין דיזן וויכטיקן מאמענט פון מיין לעבן פארשפרעכן איז, אז סיי מיינע עלטערן און סיי דער געדאנק פונ׳ם היינטיקן יום טוב וועט פאר מיר זיין א סימבאל, א סימבאל ניט צו זען גאט מיט ליידיקן, נאר מיט גוטע מעשים און געפילן, מעשים פאר מיין ארים, אונטערדריקט פאלק, און געפילן פון יושר און גערעכטיקייט לויט די פרינציפן און אידייען פון אונזער תורה, וואס איז דער פאקעל־טרעגער פון דער גאנצער וועלט־ציוויליזאציע.

די אידישע טראדיציע, די אידישע אמונה, די העלדישקייט פון אונזערע חשמונאים, און די קרבנות פון אונזערע מארטירער וועלכע זיינען געגאנגען מיט פרייד און שמע ישראל אויף זייערע

ליפּן צום פייער פון דער אינקוויזיציע, ווען זיין די שטערן וואס ווען מיר דינען אלס ליכט אין מיין ווייטערדיקן לעבן.

און איך האָף, אז דער ליבער גאָט וועט אייך, מיינע ליבע עלטערן, באלוינען מיט זיין גוטסקייט און רחמנות און אייך געבן מיט א ברייטער האנט אלדאָס גוטס, אָמן.

פסח

מײנע ליבע און חשוב׳ע צוהערער:

װען די אידן זײנען ארױס פון מצרים, װערט דערצײלט אין די פרשה װאס מיר האָבן נאָר װאס געלײענט, האָט משה געזאָגט צו דעם אידישן פאָלק: היום אתם יוצאים בחדש האביב — הײנט גײט איר ארױס אין חודש פון פרילינג.

פרעגט אויף דעם רש״י, צי האָבן די אידן אלײן ניט געװאוסט װעלכער מאָנאט עס איז? צי האָבן זײ דען ניט פאַרשטאַנען די צײט־רעכענונג? עס איז גאָר קײן פראגע בײ קײנעם, אז אידן האבן בײדע זאכן געװאוסט. נאָר װאס משה האָט געװאָלט אונטערצײכענען און באַטאָנען, איז דער גערדאנק, אַז כאָטש די אידן זײנען געװאָרן פאָלקאָם פרײ, אימשטאַנד צו טאָן װאס זײער הארץ גלוסט, האָבן זײ אבער געמוזט געדײנקען, אז עס איז בלויז זײער „חדש האביב״, דער ערשטער חודש פון פרילינג, דאָס מײנט, אז זײ זײנען נאָך יונג און װײסן ניט װי אזױ זיך צו באנוצן מיט דער נײער דערװאָרבענער פרײהײט.

אַזױ איז אויך הײנט מיט מיר, װען איך קום צו אײך אין דעם גרױסן פרײהײטס יום־טוב פסח, אלס בר־מצוה גרײט צו קעמפן אנטקעגן אלץ װאס איז ניט רעליגיעז און ניט אידיש, דערמאָנט מיך די הײנטיקע פרשה אין משה׳ס װערטער: „היום אתה יוצא בחודש האביב, גיב אכטונג, בר־מצוה, עס איז דײן ערשטער טריט, עס איז דער אָנהױב פון א נײער קאַריערע. זײ

געלאסן, גיי ניט צו האסטיק, שעדיג ניט קיינעם מיט דיין נייע־דערוואָרבענער פרייהייט״.

דורך דער וואָרנונג פון דער תורה באגרייף איך ערשט, אז איך בין נאָך יונג און אומדערפאַרן, כאָטש איך ווער שוין פאַררעכנט אלס א מענטש און זעלבסטשטענדיקער איד. איך וויל זיך אליין ניט נארן. איך ווייס, אז איך דאַרף מער לערנען און מער באקאנט ווערן מיט אונזערע הייליקע ספרים, ווייל בר־מצוה באצייכנט ניט דעם ענדציל פון בילדונג נאָר דעם סאמען אָנהויב, און עס איז קיין גרונט פאראן פארוואס קינדער זאָלן גראדע צו בר־מצוה פארלאָזן דעם חדר. מיר ווייסן אז פריער זיינען די אידן באפרייט געוואָרן און נאָכדעם איז ערשט געקומען קבלת התורה.

ווען די וויסנשאפט ווערט אויף איינעם ארויפגעלייגט מיט געוואלד, קענען זיין ווילן, ניט וויסנדיק דעם ווערט דערפון, קען אַזאַ לערע ברענגען ווייניק נוצן. די אמת׳ע לערע פאנגט זיך ערשט אָן ווען מען הויבט אליין אָן צו באגרייפן אירע גרויסע נוצן, און ערשט דאמאָלט איז דער רעזולטאַט מער צופרידנשטעליק. ביז אהער בין איך נאָך געווען קליין, יונג, און האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין די וויכטיקע דערציאונגס־פראגן. אמת, אַז מיינע עלטערן מיט זייער גרויסער ליבשאפט און צערטלאַכקייט האָבן מיך תמיד געצוואונגען און געפאָדערט דאָס איך זאָל זיך מערער לערנען, אבער איך בין געווען גלייכגילטיק דערצו. איצט איז עס גאנץ אנדערש. איצט בין איך שוין דרייצן יאָר אלט, שוין א דערוואקסענער, שוין א גרויסער, און הויב שוין אָן אליין פילן, וויסן און פארשטיין.

פונקט אזוי ווי די אידן אין מדבר זיינען באגלייט געוואָרן ביים עמוד הענן און עמוד האש, אזוי האָף איך, אז די צוויי

זיילן וועלן מיך אויך שיצן אין מיינע נייע וועגן. דער זייל פון וואָלקן — וועט זיין מיין געוויסן; דער זייל פון פייער — וועט זיין די תורה, אוןביידע וועלן מיך ארויסציען פון דער מצרים פון אומגלויבן; פון דער מצרים פון שלעכטע געוואוינהייטן; פון דער מצרים פון איינגעשפארטקייט און נאכלעסיקייט, און זיי וועלן מיך אריינפירן אין דעם כנען פון גליק און צופרידנהייט, אין דעם כנען פון עשר וכבוד, כדי איר, מיינע ליבע עלטערן, אונזער גאנצע פאמיליע און כלל ישראל זאָלן קעניען געניסן גאָט׳ס ברכה. אמן.

שבועות

„והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה׳ אלהיך נותן לך נחלה, וירשתה וישבת בה.“ — און עס וועט זיין, אז דו וועסט קומען אין דעם לאנד וואס גאָט דיין האר וועט דיר געבן פאר א נחלה, און וועסט ירשנ׳ען און וועסט זיך באזעצן דערין.

ליבע עלטערן, פריינט און פארזאמלטע:

די גאנצע תורה אונזערע איז געגעבן געוואָרן אויף דעם „כי תבוא“, אז דו וועסט קומען. אלע פעלקער האָבן זייערע קאָנסטיטושאָנס, געזעצן, געקראָגן זיצנדיק שוין אויף זייערע לענדער, שוין עטאבלירטע.

ביי אונז אבער איז די גאנצע קאָנסטיטושאָן געגעבן געוואָרן צום פאָלק ישראל איידער ער האָט זיך באַזעצט אין זיין לאנד.

פערציק יאָר האָט אונזער גרויסער געזעץ־געבער משה בן עמרם, געגרייט און געלערנט דאָס אידישע פאָלק. געהאקט זיינע שטיינער, צוגעפאסט עם פלאנמעסיק פון דעם אבן פנה, פון דעם רויען שווערן ווינקל־שטיין, ביז צו דעם לעצטן קאָר־ניזעל.

געוואָלט האָט משה רבינו מיר זאָלן קומען אין אונזער לאנד פארטיקע מענטשן, געלערנטע, מיט לוחות, מיט א תורה, מיט א קאָדעקס. קומען אין לאנד וואס גאָט גיט אייך, זאָלט איר ניט זיין ווילד, ברוטאל.

טויזנטער יאָרן טראָגן מיר זיך ארום מיט אונזער תורה, און זי איז ניט אלט געוואָרן, ניט איבערגעלעבט זיך. זי איז יונג און פריש כיום שנתנה בסני. זי איז נאָך פאר אונז אזוי אומ־

באדינגט נויטיק ווי אין יענע אלטע גרויע טעג ווען מיר זיינען געגאנגען אין דער מדבר.

איך, אלס בר־מצוה, גיי איצט ארײן „אל הארץ", אין אַ נייעם לאנד, א נייעם סאָרט לעבן, א לעבן פון פליכטן און פאַר־אנטוואָרטלאכקייטן. איך קום אבער אין א געוויסן זין א פאַר־טיקער מענטש, מיט וויסנשאפט און פארשטאַנד. מיינע ליבע און געטרייע עלטערן האָבן מיר נאָך פון מיין פריסטער יוגנט צוגעגרייט פאר דעם היינטיקן טאָג. זיי האָבן מיך געשיקט אין אַ חדר, וואו איך האָב געלערנט צו פאַרשטיין און צו שעצן אונזער הייליקע תורה.

איך וויל דארום איצט ברייגנען מראשית כל פרי האדמה,— די ערשטע פרוכט פון דאנקבארקייט — אל המקום אשר יבחר ה' אלהיך, לשכן שמו שם, דאָ אין שול, און איך וועל עס אַוועק־לייגן לפני מזבח ה' אלהיך, פאר גאָט ב"ה. איך וויל אים דאנקען און לויבן פאר די פילע חסדים וואס ער האָט געטאָן מיט מיר, פאר געבן מיר עלטערן וואס האָבן ווי געטלאכע מלאכים אויף מיר אויפגעפאסט, געהיט יעדן שריט און טריט, און האָבן געזען דאָס מיר זאָל קיין זאך ניט פעלן.

און א שטילע תפלה וועל איך בעטן דעם האַר פון אלע וועלטן, השקיפה ממעון קדשך מן השמים, וברך את עמך את ישראל, ואת האדמה אשר נתתה לנו כאשר נשבעת לאבותינו — קוק פון דיין הייליקן וואוינונג פון הימל, און בענטש מיינע ליבע און געטרייע עלטערן, מיין שוועסטער, אלע אונזערע פריינט און דיין גאנץ פאָלק ישראל, מיר זאָלן האָבן א יאָר פון פרידן און פרייד, א יאָר פון גליק און פרנסה, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט אויפגעריכט ווערן אויף זיין אייגן לאנד. גיב אונז גאָט א שנת חיים ושלום וכל טוב סלה! אמן ואמן.

דרשה פאַר אַלע שבתים

טייערע עלטערן און פריינט:

היינט איז דער הייליקסטער טאָג פון דער וואָך. דעם דאָזיקן טאָג פון שבת האָט גאָט אויסדערוויילט אלס זיין רו־טאָג, אַלס א יום מנוחה וקדושה.

ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש — אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן די הימלען און די ערד, און אויפ׳ן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט.

ליבע און געטרייע עלטערן, היינט איז אויך אייער יום מנוחה וקדושה. דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט איר זיך באמיט און געאַרבעט פאַר מיין טובה וועגן, פאַר מיין וואוילזיין און פאַר מיין געזונט. היינט אבער, אינ׳ם טאָג פון מיין בר מצוה, ווערט אייער שווערע ארבעט פארענדיקט, און איר קענט אָנהויבן דעם רו־טאָג. איצט וועל איך אויפנעמען די ארבעט וואס איר האָט מיט אזוי פיל איבערגעבנקייט אָנגעהויבן ווען איך בין געווען קליין און שוואך. איך וועל מיט גרוים ערנסט נאָכגיין אייערע אָנגעוויזענע וועגן, אייערע אידייען וועלן זיין מיינע און אייער וואוילזיין וועט אויך זיין מיינער.

מער ווי איינמאָל זעען מיר ווי א מאמע קושט איר קינד מיט צערטלאכקייט און ליבשאפט, און פון אירע אויגן פליסן טרערן אויסדריקנדיק אזוי פיל צער און תחנונים; ניט איינמאָל הערן מיר ווי א מאמע שעפטשעט אין דער שטילקייט פון דער נאכט א תפילה צו גאָט: „גאָטעניו, הארציקער ליבער פאטער, ניט

פאר מיר בעט איך נאָר פאר מיין קינד. העלף מיין קינד, גאָ־טעניו, און לאָמיך האָבן כאָטש א שטיקעלע נחת פון אים!"

מער ווי איינמאָל זעען מיר אויך ווי א טאָטע ווערט כלומרשט שטרענג צו זיין קינד און באפעלט אים דאָס ניט צו טאָן און דאַרפן ניט צו גיין, און דאָס קינד פארשטייט גאָרניט דעם צער פונ׳ם טאָטן און זיין ערנסטן באַגער צו זען זיין קינד אַ טרייער איד און אידעאלער מענטש.

וויל איך טאקע צום סאמע ערשטן באדאנקען דעם רבונו של עולם פאר זיין גרויסן חסד וואס ער האָט מיר געגעבן גענוג חכמה צו פארשטיין די גוטסקייט פון מיינע ליבע עלטערן. איך וועל אים אויך דאנקען דערפאר וואס ער האָט אונז אלעמען גע־שאָנקען לעבן און געזונט, הלואי אויף נאָך פילע און פילע לאנגע יאָרן.

צוויטנס, וויל איך פון דער בימה דערקלערן צו אלע פאר־זאמלטע, אז כאָטש איך ווער איצט א פרייער מענטש, וועל איך דאָך ניט ווערן ווילד און שעדיקן אלץ וואס ליגט אויף מיין וועג. אין געגנטייל, איך וועל די פרייהייט מיינע אויסנוצן לטובת מיין פאָלק. איך וועל זיך אָנשטריינגען צו טאָן גוטס און טראכטן וועגן גאָט און אונזער פאָלק. איך וועל אויסמיידן אלץ וואס קען ווענען עס איז טאָן שאָדן. איך וועל תמיד האלטן הייליק און טייער מיינע ליבע עלטערן פאר זייער גרויסע ליבשאפט און אי־בערגעבנהייט צו מיר. איך וועל אבער אויך האלטן הייליק דעם נאָמען פון אונזער פאָלק, נאציע און גלויבן.